STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01029

DER SHRAYBER GEYT IN HEYDER

Lamed Shapiro

Permanent preservation of this book was made possible
by Robert L. Stein
in memory of
Marjorie R. Stein

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לאמעד שאפּיראָ

דער שרייבער גייט אין חדר

בוך-פאָנד פארלאג „אליין" לאָס אנגעלעס

1945

Lamed Shapiro

The writer goes to school

Lamed Shapiro
544 Heliotrope Drive
Los Angeles 4, Calif.

55

Book Fund
Farlag "Alein"
1945

דער שרייבער גייט אין חדר	7
וועגן ראָמאַן	37
וועגן עסעי	41
פּראָלעט-ליטעראַטור	49
דילענסי סטריט	65
גלאַטשטיינס „קרעדאָס"	71
וועגן שרייבערשע זאַכן	74
משה נאַדיר	84
דער שאָטן יוסף חיים ברענער	91
לעגענדע	104
די אידישע אַמעריקע	108
„דאָס ליכט אויף מיין גאַס"	111
פּורים-שפּיל	115
צווישן שרייבער	118
דער נאַרישער מחבר	125

דער שרייבער גייט אין חדר.

א.—

צום סוף פון יאָר 1896 בין איך, נאָך כמעט אַ אינגל, געקומען קיין וואַרשע מיט דער בפירושער כוונה איינצונעמען די שטאָט.

וואָס זענען געווען מיינע קוואַליפיקאַציעס פאַר דעם דעראָבערישן צוג? גאָרנישט. סיידן אפשר דער גוטער ווילן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אָנהויבן שרייבן — און צערייסן — אינם עלטער פון אַכט יאָר.

אין מיין קינדהייט און פריער יוגנט בין איך געווען עקזאַלטירט פרום, און מיין אידעאַל איז געווען דער צדיק, דער „גוטער־איד". ווי אַזוי דאָס האָט זיך ביי מיר געפּאָרט מיט די פאַרזוכן צו שרייבן ווייס איך ניט. מיינער אַ פעטער, זעענדיק מיין פרומקייט, איז געווען גענוג וויטזיכטיק אויף צו זאָגן: „אַז דער בחור וועט אויסוואַקסן, וועט ער ווערן אַן אפיקורס". צו די בר־מצוה־יאָרן האָב איך אָנגעהויבן אָנצו־ווערן מיין גאָט, און אַ פּאָר יאָר בין איך אַרומגעגאַנגען מיט אַ וואַקסנדיקן חורבן אין האַרצן. איך בין געווען אין פאַרצווייפלונג און דערגאַנגען ביז צום פאַרפאַסן מיינע אייגענע תפילות, אינם נוסח: נאַ, אדוני, גיב מיר אַ צייכן! נאָר גאָט איז געבליבן זיצן אויפן באַרג סיני, פאַרהילט אין זיינע וואָלקנס, און איך האָב ניט זוכה געווען צו זען אפילו את אחוריו. דאָס איז געווען מיין ערשטע שווערע איבער־

לעבונג און, ווערליג מיין עלטער, אפשר די שווערסטע. און דעמלט האָב איך שוין געשריבן שירים און סיפּורים אין העברעאיש. שפּעטער — אין רוסיש, נאָר די גאַנצע צייט האָב איך אויך געשריבן אין אידיש — אויף אַ נאַטירלעכן אופן, אָן אַ טעאָרעטישן הכשר, ווייל איך האָב פּשוט ניט געטראַכט וועגן אידיש ווי וועגן אַ שפּראַך. דעם הכשר האָב איך געקראָגן פיל שפּעטער, און אויף אַ קרומען וועג, פון — מאָלט אייך — פון פּיסאַרעוון! . . . ער האָט אָפּגע־ווענדט מיין בליק פון „די מאָרגנשטערן וואָס זינגען אין כאָר" צו דער אַרומיקער וועלט, צו דער רעאַלער אומגעבונג. פונדאַנען איז קלאָר מיין וויטערער גאַנג צו דער אידישער ליטעראַטור. מסתמא איז אזוי, אָדער ענלעך דערצו, געווען דער וועג פון אַ סך אַנדערע אידישע שרייבער פון מיין דור.

געקומען קיין וואַרשע, האָב איך אין מיין האָטעל אָנ־געטון אַ וויזיטקע — אַ בגד וואָס איז מסתמא אַרויסגע־קומען פונם שידוך צווישן אַ סורדוט און אַ פראַק — און אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק, ווי עס האָבן געטראָגן די שילער פון די רעאַל־גימנאַזיעס. אין דער דאָזיקער אויס־שטאַטונג, האָב איך אָנגעקלונגען אויף צעגליאַנע נומער איינס, ביי אַ טיר, וואו אויף אַ מעשענעם טאָוול איז געווען אויסגעקריצט: „י. ל. פּרץ מקבל בשעה הרביעית אחרי הצהרים". די טיר האָט געעפנט טאַקע פּרץ אַליין. פּרצ'עס אַזוי אויך גרויסע אויגן זענען נאָך גרעסער געוואָרן ווען ער האָט דערזען מיין הילוך. איך שטעל מיר פאָר וואָס פאַר אַ אויגן ער וואָלט געמאַכט, ווען ער ווייסט נאָך, אַז דאָס זעט ער פאַר זיך אַ — טשינגיס־כאַן.

שרייבער אין חדר

ער האָט מיך אַריינגענומען אין זיין קאַבינעט, און מיר האָבן געשמועסט וועגן דער אידישער ליטעראַטור, וואָס האָט דעמלט אַזוי גוט ווי ניט עקזיסטירט. עס איז גע־ווען נאָך שלום-עליכם׳ס „פאָלקס-ביבליאָטעק"; נאָך ספּעק־טאָר׳ס „הויזפריינד"; דער ערשטער פעריאָד פון פּרץ׳ס „יודישער ביבליאָטעק" און פון זיינע „יום-טוב-בלעטלעך" איז געווען פאַרגאַנגענהייט. קיין ביכער זענען ניט דערשי־נען; אפילו די איינבויגנדיקע דריי-קאָפּיקענע ביכלעך פון פאַרלאַג מ ו נ ק האָבן זיך מער ניט געוויזן. פון יענעם געשפּרעך האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי מיר אין זכרון בלויז מיין פראַגע: „סטייטש, עס איז דאָך געווען אַזאַ אויפלעבונג מיט אַ פּאָר יאָר צוריק? . . ." — און זיין אָפּגעהאַקטער ענטפער: „צווישן די שרייבער — ניט צווישן די לייענער. . ."

עס זענען געווען בין-השמשותדיקע יאָרן; פאַר מיר — יאָרן כמעט פון פאַרצווייפלונג איבער דער מעגלעכקייט פון אַ ליטעראַטור אין אידיש. מענדעלי האָט אין אָדעם פאַרוואַלטעט מיט דער דאָרטיקער תלמוד-תורה; שלום-עליכם האָט געמנחם-מענדלט אין קיעוו, און פון זייביידן האָט מען אין וואַרשע ניט געוואוסט, אויסער צווישן די פּאָר שרייבער; אין וואַרשע גופא האָבן געוואוינט פּרץ און ספּעק־טאָר, נאָר איך בין מסופק צי דער וואַרשעווער עולם האָט זיי געקענט ווי שרייבער. דוד פינסקי האָט שטודירט אין בערלין — אַזוי דערציילט מיר אברהם קאַטיק. עפּעס אַ יונגערמאַן וואָס האָט „געהאַט אַ פונק אין זיך," אברהם רייזען, האָט ערגעץ געדינט דעם קייסער; ער איז געווען אין דער מוזיקאַנטסקער קאָמאַנדע און האָט, מסתמא, מכוון

געוועז דעמלט די „דריי טאָקטן". און — שוין. דאָס איז געוועז די גאַנצע אידישע ליטעראַטור. קיין פּרעסע אין אידיש איז ניט געוועז דערלויבט. די העברעאישע „הצפירה" אין וואַרשע האָט גענומען געלט פאַר דרוקן אַרטיקלען פון געוויסע שרייבער, און דער „המליץ" אין פּעטערבורג האָט געבראַכט קאָרעספּאָנדענצן פון דער פּראָווינץ וועגן דער אַפּגעברענטער באָד אָדער וועגן מחלוקתן איבער אַ שוחט אָדער אַ רב.

אין פּאַרענטעזיס — אַ דעטאַל וועגן דעם פּרץ פון יענער צייט. מיר, אַ גרופּע יונגעליים, האָבן געהאַט געפּלאַנעוועט אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל און האָבן געוואָלט האָבן פּרץ פאַר אונדזער רעדאַקטאָר. מיר האָבן געהאַט מיט אים אַן אונטערדרעדונג, און אַז עס איז געקומען זיין רייע צו ריידן, האָט ער זיך פאַר אונדז אַנטשולדיקט: וועגן „אַזעלכע ענינים" איז אים שווער זיך אויסצודריקן אין אידיש, און אַזוי ווי מיר, „ליטוואַקעס", פאַרשטייען ניט קיין פּויליש, וועט ער ריידן — רוסיש. —

לאָמיר זיך דערמאָנען: נישט לאַנג פאַר דעם האָט פּרץ געשריבן, ספק אַפּאָלאָגעטיש, ספק איראָניש, אַז אַנדערש וואָלט זיין ליד געקלונגען ווען ער וואָלט פאַר גוים גויאיש זינגען. ליבעלייען, למשל, אין אידיש וואָלטן אַרויסגעקומען:

מיין קרוין, מיין שאַץ, מיין שעצל —
עס האָט א טעם ווי לאקריץ־פּלעצל
און שמעקט נאָך צו מיט גענדזנשמאַלץ. —

שרייבער אין חדר

נאָך צוויי יאָר וואַרשע, בין איך אָפּגעפאָרן צוריק אין מיין שטעטל, אין אוקראַינע, צוליב פּערזענלעכע אַנגעלעגנהייטן. די שטאָט האָב איך ניט איינגענומען, און וואַרשעווער ציטאַדעל איז געבליבן אומבאַרירט. איך בין געפאָרן מיט דער כוונה זיך אומצוקערן באַלד צוריק — און בין אָפּגעוועזן אין מיין היים פינף יאָר. פאַר דער צייט האָב איך געלעבט מייסטנס מיט די אינטערעסן פון דער רוסישער ליטעראַטור און דער אָנקומענדיקער ערשטער רעוואָלוציע. נאָר ביי זיך האָב איך געשריבן אידיש. אַז איך בין געקומען צוריק אין 1903, איז וואַרשע געווען ניט-צו-דערקענען. די גאַנצע אידישע וועלט איז געווען ניט-צו-דערקענען. אויף די געמאַרקן צווישן צוויי יאָרהונדערטן זענען געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן די צוויי גרויסע אידישע פּאָליטישע באַוועגונגען, דער מאָדערנער ציוניזם און דער בונדיזם. אין פּעטערבורג האָט עקספּלאָדירט די ערשטע טעגלעכע ציטונג אין אידיש, דער „פריינד”. די וואָס געדענקען יענע צייט און וואָס ווייסן די ראָלע פונם „פריינד” אין אונדזער פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן וועלן פאַרשטיין פאַרוואָס איך האָב געברויכט דעם אויסדרוק „עקספּלאָדירט”. אין וואַרשע גופא איז געגאַנגען די וועכנטלעכע „פאָלקסצייטונג”, פריער אונטער דר. יוסף לוריע, דערנאָך אונטער ספּעקטאָר'ן. פּרץ איז געוואָרן אפשר דער גלענצנדיקסטער רעדנער אין אידיש וואָס איך האָב ווען געהערט, אַ שלאַגנדיקער פאָנטאַן פון בליציקע געדאַנקען און פאַרביקע רייד; שלום-עליכם—דער פּאָפּולערסטער, געלייענטסטער שרייבער אפילו אין פּוילן. ביאַליק, בערדיטשעווסקי און יהודה שטיינבערג האָבן געשריבן אי העברעאיש אי אידיש, און אפילו שמעון פרוג האָט זיך דערמאָנט

אָן זיינע חטאות נעורים און האָט זיך, מיט אומזיכערע טריט, דערנענטערט צו דער שפּראַך „פון ווילנער מאַרק און דינאַבורגער יאַטקעס". מ'האָט אָנגעהויבן הערן פון אַמעריקע: מאָרים ראָזענפעלד — קאָברין — ליבין — יעקב גאָרדין — אברהם ליעסין. פון דאָרטן טאַקע האָט מען אונדז מזכה געווען אויך מיט איבערגעזעצטע שונד־ראָמאַנען און „באַארבעטונגען" פון פרעמדע ליטעראַטורן. די גוטע לייט האָבן אפילו שעקספּירן איבערגעניצעוועט אַזוי אַז ער איז אַרויסגעקומען אַזויגוט־ווי־נײַ. און אין וואַרשע אַליין: פרישמאַן — דינעזאָן — זעצער — בעל מחשבות — רייזען — נאָמבערג — אַש — ווייסענבערג — ז. שניאור — יעקב שטיינבערג — י. ד. בערקאָוויטש . . . אַהאַ! אוים מיט די חלומות וועגן אײַנעמען וועלטן. וועסט זיין צופרידן, גוטער־ברודער, צו קאָנען באַשטיין דיין אייגן שטעטל. פון ווייט־צעוואָרפענע העקן, פון קליינשטעטלדיקע בלאָטעס, זענען זיך צונויפגעלאָפן קיין וואַרשע אינגלעך און מיידלעך, וואָס — פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען?! וואָס פאַר אַ כוחות האָבן זיי אַרויסגעשטויסן פון די טיפענישן פון פאָלק און זיי געשיקט מיט אַ שליחות: ג י י ט א ו ן ש א פ ט א ל י ט ע ר א ט ו ר א י ן א י ד י ש ! און דאָס אין אַ צייט ווען אַז עמיצער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פערזענלעכע אַמביציעס, האָט ער געקאָנט גיין צו רוסיש, צו פּויליש, צו דייטש. און זיי זענען טאַקע געגאַנגען. נישמער, אַ ה י ן זענען געלאָפן — מיטן אויסנאַם פון צו דייטש — אונדזערע ש ו ו אַ כ ס ט ע כוחות — אַ ברכה אויף זייערע קעפּ. אָה, דאָס ליד פון דער אידישער ליטעראַטור אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט איז נאָך ניט געזונגען געוואָרן! . . .

שרייבער אין חדר

דער מענטש וואָס האָט געזען די נייע אידישע ליטעראַטור ווי אַ קליין ריטשקעלע, איז איצט געשטאַנען ביי די ברעגן פון אַ טייך, וואָס אים איז באַשערט געווען צו צעגיסן זיך איבער אַלע לענדער וואו אידן וואוינען.—

דאָס וואָס איך וויל ווייטער דערציילן וועט, פאַרשטייט זיך, ניט געגעבן ווי געבאָטן וואָס זענען חל אויף אַלע שרייבער. דאָס זענען פשוט אַ פּאָר שטריכן פון די בלאָנדזשעניש פון אַ יחידישן שרייבער, פון זיינע ראַנגלענישן מיט זיין מעדיום און זיין „מעטיער". איך וויל דאָ דערמאָנען: מיר איז אויסגעקומען צו שרייבן אויך פּובליציסטיק און קריטיק, און איך האָב געזינדיקט אפילו מיט עטלעכע לידער, נאָר פּאָר מיין אייגנטלעכן זשאנר האָב איך אַלעמאָל געהאַלטן די סטאַטישע שילדערונג און די דינאַמישע דערציילונג. קיין מוקדם ומוחר דאַרף מען דאָ אויך ניט זוכן — איך דערצייל דאָ ניט מיין ביאָגראַפיע.

ב.—

אַ שרייבער גייט אין חדר, און אַ אידישער שרייבער באַגעגנט שוועריקייטן שוין ביי די ערשטע טריט — ביי דער שפּראַך. איך האָב אויבן געבראַכט, וויאַזוי פּרץ, אין זיינע פריע יאָרן, האָט געהאַט שוועריקייטן אין אויסדריקן זיך „וועגן אַזעלכע ענינים". אידיש איז נאָך דעמלט געווען „זשאַרגאָן". מיר האָבן נאָך דאַן ניט פאַרשטאַנען, אַז אַלע שפּראַכן זענען „זשאַרגאָן" — אַ געמיש פון אייגענע אויפטוען און פון קלאַנגען און אויסדרוקן גענומען ביי אַנדערע

פעלקער. מיר האָבן נאָך נישט געהאַט, איזווינִיטיע, קיין „גראַמאַטיקע", דאָס הייסט — קיין שפּראַך-טעאָרעטיקער האָט נאָך ניט געהאַט צוזאַמענגעשטעלט קיין לערביכל וועגן דעם וויאַזוי צו ריידן און שרייבן אידיש, אויפן סמך פון דעם וויאַזוי מ'רעדט און מ'שרייבט אידיש, און קיין קאַנצעלאַריע האָט נישט אָנגענומען קיין „דאַקלאַדן" אין דעם דאָזיקן לשון, הגם אידן האָבן אויף דעם געלעבט שוין הונדערטער יאָרן און האָבן זיך ניש'קשה'דיק פאַרשטאַנען איינער דעם אַנדערן. האָט מען געדאַרפט די שפּראַך אויסמענטשלען און זי מאַכן לייטנגליייך. אין מיינע שרייבעכצן פון די ערשטע צייטן געפין איך, אַשטייגער, אַזאַ מין אויסדרוק ווי „ארויס-געגאַנגען אויף די גאַס" — באשר בכן אויף רוסיש איז פאַראַן אַן ענלעכע פאָרמע פאַרן אַקוזאַטיוו, פאַרן „ווינִי-טעלני פּאַדיעזש" (אגב: אינם פּוילישן אידיש זענען אינ-גאַנצן ניטאָ קיין בייגונגען פאַרן ווייבלעכן אַרטיקל.) דאָס האָב איך געשטופּט אונדזער לשון נעבעך אין דער רוסישער גראַמאַטיק, וואָס האָט זיך אים געפּאַסט ווי דאָס קורצוויי-טיקל פּאַסט זיך דעם „בעל-באָי" אין אַ האָטעל. און אין דערזעלבער צייט וואָס איך האָב פאַרגוואַלטיקט אונדזער עטימאָלאָגיע און אונדזער סינטאַקסיס, דעם גרינגן, נאַטיר-לעכן פלוס פון אונדזער לשון — בין איך ניט געשלאָפן נעכט איבער אונדזער לעקסיק, איבער דעם וואָרט-מאַטעריאַל. די סלאַווישע עלעמענטן האָבן זיך ניט געפּאַסט — אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט — צום גערמאַנישן הינטערגרונט פון אונדזער שפּראַך. העברעאיש, מיט זיין וואונדערלעכן אינ-וויינִיקסטן פּאַטאָס, האָט געקלונגען ווי עפּעס אַ ציטאַטע פון ערגעץ. די ברירה איז געווען דייטש — דאָס הייסט, דייטש-

מעריש. עס איז טאקע געווען א געפאר פארפלייצט צו ווערן פון פרעמדע ווערטער, און דערפון האט זיך גענומען מיין איבערגעטריבענער פוריזם.

עס זענען געווען שוועריקייטן אפילו מיטן אויסלייגן, וואס פון זיי זענען מיר ניט אינגאנצן פטור געווארן נאך ביז היינט. די האנט פון דער דייטשישער ארטאגראפיע איז געלעגן שווער אויף אונדז, און זי האט זיך ווירקלעך ניט געפאסט פאר אונדזער ליבן, לעבעדיקן אידיש, וואס פארטראגט ניט קיין קאזארמע און קיין „געננזנטראט". די אנדערע ברירה איז געווען פאנעטיזם, אבער דאס וואס איז געזעצלעך פאר דער ריידשפראך טויג ניט פאר דער שרייבשפראך, וואס זי דארף דינען פאר א צעמענט צווישן די דיאלעקטן פון די פארשיידענע אידישע פראווינצן, און ווען יעדער שרייבער וואלט גענומען שרייבן ווי ער רעדט, וואלט די שפראך זיך צעשאטן אין אלע זייטן ווי א געפלאצט שנירל קרעלן. א באקאנטער אידישער פאעט זאגט מיר, אויף מיינער א קריטישער באמערקונג וועגן זיינער א גראמאטיקאלישער פארם, אז עס קלינגט גוט צו זיין „ליטווישן אויער". אט דא טאקע ליגט די געפאר, ווייל די צענטריפוגאלע כוחות וואס ארבעטן אין יעדער שפראך ווירקן טאקע אויף דער ליניע פון פראווינצן. יחידישע, צילבאוואוסטע שרייבערשע אפנייגונגען, משה־נאדירשע למשל, זענען בלויז קאפריזן פון סטיל און קאנען גאר די שפראך בארייכערן, בשעת פראווינציאליזמען, געברויכט פונם שרייבער פאר זיך, ניט ווי כאראקטעריסטיק פונם לשון פון זיינע פארשוינען — ברעכן די שפראך אויף פיין־פיצלעך. אלעמען איז באקאנט דער עקספערימענט פון

א. מ. ווייסענבערג'ן אַריינצובריינגען אין אידיש זיין „פּויי־לישקייט" אפילו אין דעם אויסלייג. ביי לייטן איז פאַראַן 1) אַ שול־סיסטעם, פון אויבן ביז אַראָפּ, פון אוניווערסיטעט ביז דער אָנפאַנגשול; 2) אַן אָפיציעלע קאַנצעלאַריע מיט איר שטרענגן נוסח; און 3) אַ פּרעסע און ליטעראַטור; און די אַלע אינסטיטוציעס שטרעבן צו צעמענטירן די פּראָ־ווינציעלע דיאַלעקטן אין איין שפּראַך. און אפילו אַזוי האָט זיך מאַקסים גאָרקי באַקלאָגט אויף די נאָך־רעוואָלו־ציאָנערע רוסישע שרייבער, אַז זיי „פּאַרמיסטיקן" די שפּראַך. ביי אונדז אָבער איז ליטעראַטור־און־פּרעסע דער איינ־ציקער צענטריפּעטאַלער כוח וואָס האַלט אונדזער לשון צוזאַמען, ווייניקסטנס פאַרן אויג, אויב נישט פאַרן אויער.

נאָך אַ זאַך האָט מיך באַאומרואיקט אין פאַרבינדונג מיט לשון: דער פאַקט וואָס מענטשן נוצן אייגנטלעך צוויי שפּראַכן; איינע צום ריידן און שרייבן און אַן אַנדערע צום טראַכטן. דאָס טראַכטן פון אַ מענטשן איז ווייט פון גוטע מאַנירן און פון עסטעטיק, און אין „גוטער געזעלשאַפט" געברויכט מען ניט די טראַכט־שפּראַך. פונדעסטוועגן זענען ביי אַנדערע פעלקער פאַראַן „סלענג"־ווערטערביכער, כדי די רויערע אויסדרוק־אוצרות זאָלן ניט פאַרלוירן גיין, און אַזעלכע שרייבער ווי דזשעימס דזשאָיס און ה. ד. לאָרענס ביי די ענגלענדער האָבן אפילו פּרובירט זיי אַריינצופירן אין דער ליטעראַטור. מאַקסים גאָרקי דערציילט וועגן טאָל־סטאָיען, אַז ער פלעגט ריידן ווי אַ מוזשיק — אָנרופן זאַכן מיט זייערע אייגנטלעכע נעמען, ווי דאָס פאָלק רעדט. פונ־דעסטוועגן גיט גאָרקי ניט איבער אין דרוק טאָלסטאָי'ס

רייד ווי ער האָט זיי געהערט, און טאָלסטאָי אַליין שרייבט ניט ווי ער האָט גערעדט. מיט מיר איז דערזועלבער פאַל — רייד וואָס זענען ניט מן הנימוס זענען מיר ניט געשמאַק. אָבער עפּעס אַזוינס איז דאָ פּאָרט ניט גלאַט. —

ביסלעכווייז — ביסלעכווייז — ביסלעכווייז האָט זיך מיין אידיש באַפרייט פון די פענטעס. איך האָב ענדלעך פאַרשטאַנען, אַז אַ שפּראַך איז אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, אַ באַשעפעניש וואָס איר לעבן באַשטייט אינם באַשטענדיקן, אומאויפהערלעכן אויסטויש פון שטאָפן: זי נעמט־אַריין, אַרבעט־איבער און פאַרדייט וואָס עס לאָזט זיך — און וואַרפט־אַרויס דאָס וואָס פאַר איר איז אָפּפאַל. אויך האָב איך באַגריפן, אַז עס איז קיין שכל ניט סתם צו זאַמלען ווערטער ווי אַ וואָראָנע זאַמלט און טראָגט אין איר נעסט שטיינדלעך און שטיקלעך גלאָז, הגם זי קאָן בלא יודעים אַריינפּאַקן אויך אַ דימענט, וואָרים — וואָס ווייסט אַ וואָראָנע? . . די שפּראַך הויבט זיך אָן נישט פונם וואָרט, נאָר פונם זאַץ, פּונקט ווי מוזיק הויבט זיך אָן נישט פון דער איינצלנער נאָטע, נאָר פונם אַקאָרד. ערשט ווען איר האָט אַרויסגעזאָגט אַ גאַנצן געדאַנק, אַ פּראָפּאָזיציע אָדער אַ „סטייטמענט", הויבט איר אָן רייד ן. ביז דעמלט איז דער געברויך פון ווערטער בלויז „פידזשין מענטשיש".

איך האָב אויפגעהערט זיך שרעקן פאַר נעמען פון אַנדערע שפּראַכן נישטנאָר ווערטער וואָס מיר פאַרמאָגן ניט זייער עקוויוואַלענט, נאָר אַפילו סינטאַקסישע פאָרמען און ווענדונגען, אויב נאָר זיי זענען ניט שטרענג אידיאָמאַטיש. אָן

אמת׳ער אידיאָם קלינגט זינלאָז ווען איבערזעצט ווערטער־לעך אין אַן אַנדער שפּראַך. אָבער אַט פאַרענדיק איך מיינע אַ דיסקוסיע מיט די ווערטער: „וואָס דאָס איז ווי עס דאַרף צו זיין”. אַוואַדע איז עס גענומען פון ענגליש, אָבער דאָס קאָן מען גלייך פאַרשטיין אין יעדער שפּראַך. אַזעלכע זאַכן זענען בלויז אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע דערגרייכונג אין טאָן און געדאַנק, און עס איז ניטאָ קיין גרונד זיך פון זיי אָפּצו־זאָגן. איז ווען עס וועקט מיין פאַנטאַזיע, קלינגט גוט צו מיין אויער און איז זיס צו מיין נומען, איז עס גוטער אידיש.

וואָס איז שייך אידיש און העברעאיש, האָבן זיי ביי מיר אַלעמאָל געפירט אַ לינקע ליבע, און דער יצר־הרע האָט דיביידע לשונות באַטיילט מיט אַזעלכע חנ׳דלעך און שמד־שטיק וואָס קיין פּשוטער בשר־ודם קאָן זיי ניט ביישטיין. די העברעאישע עלעמענטן זענען געווירץ און שמעקנדיקע בוימלען צו מיין אידיש. נאָר — וואָס זאָל איך לייקענען? — די אידישע שפּראַך האָט מיר אָפּגעטון אַ כישוף. זי איז סוף־כל־סוף מיין שענצטע געליבטע, און איך האָף צו שטאַרבן ביי אירע פיס. —

ווער עס האָט ניט דורכגעמאַכט יענע עפּאָכע, קאָן ניט פילן וואָס פאַר אַ פרייד עס איז וואָס פאַר פופציק יאָר צייט איז אָפּגעטון געוואָרן אַזוי פיל אַרבעט. פונם טייטש־חומש — דורך מענדעלי׳ן און שלום־עליכם׳ן — ביז צו משה נאַדיר און יעקב גלאַטשטיין איז אַ שיינער מהלך.

שרייבער אין חדר

— .ג

„דער סטיל — דאָס איז דער מענטש".

מענטשן האָבן אַ פאַרליבע צו קאָנדענסירטער חכמה, וואָס קומט אין שאַכטעלעך און פודעלעך, מיט אַן עטיקעטל אויף זיי, כדי מ'זאָל נישט זיין געצוואונגען צו „דרייען זיך אַ קאָפּ". פאַר אַ צייט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די אויביקע מימרא זאָגט עפּעס. מיט דער צייט איז דידאַזיקע גענעראַליזאַציע זיך צעקראָכן אונטער מיינע הענט.

סטיל איז, קודם כל, סטיליזאַציע. מענדעלי סטיליזירט דעם „טייטש-חומש"; שלום-עליכם סטיליזירט דעם פאָלקסמענטשן אונטערן ספּעוודאָנים „עמך"; דוד בערגעלסאָן סטיליזירט די ביידע שרייבער; רודיארד קיפּלינג סטיליזירט אין ענג-ליש די ביבל, ווי זי איז צו אים געקומען דורך דער „קעניג-דזשיימס"-איבערזעצונג. פון אידישער פּראָזע שלאָגט אָפּט דער הויך פון העברעאיש, און ביי די מאָדערנע העברעאישע שרייבער שפּירט זיך דער אָטעם פון אידיש. איך געפין, אַז אין מיין אייגענער פּראָזע בין איך ניטאיינמאָל אַריינגעפאַלן אין סקאַנדירטן ריטם — און אפילו אין גראַם, בעת אין די עטלעכע לידער וואָס איך האָב געשריבן האָב איך פאַרזוכט צו ריידן כדבר איש אל רעהו. יעקב גלאַטשטיין שרייבט פּאָעזיע ווי פּראָזע און פּראָזע ווי פּאָעזיע. אַזעלכע מענטשן ווי אנאַטאָל פראַנס און אנטאָן טשעכאָוו האָבן געשריבן גלאַטיק און פּליסיק, אָבער די געפּייניקטע פּראָזע פון דאָס-

טאָיעווסקי׳ן האָט, נישקשה, אויך דערגרייכט איר ציל. —
— וואָס, געַנוי, מיינט עס „דער סטיל איז דער מענטש״? —

אפשר קאָן מען זאָגן, אַז דער סטיל איז דער טעמפּעראַמענט פונם מענטשן, אַה? און פון אונטער אַן איינגעהאַלטענעם סטיל שטעקט נאָך דייטלעכער אַרויס דער טעמפּעראַמענט, ווייל אַן איינגעהאַלטענער סטיל איז אַ באַהערשטער טעמפּעראַמענט.

קלערער און כאַראַקטעריסטישער איז פאַרן שרייבער „מאַניר״ — דער אופן וויאַזוי ער באַהאַנדלט זיין טעמע, ווי ער סדר׳ט זיין מאַטעריאַל און וויאַזוי ער טעאַטראַליזירט זיינע פּאַרשוינען: איינפאַך, דערציילעריש, ווי טשעכאָוו און מאָפּאַסאַן, אָדער אינדירעקט, אייגנאַרטיק און ביזאַר, ווי קנוט האַמסון און דוד בערגעלסאָן. אַסך שרייבער — גרויסע שרייבער — זענען ניט אייגנאַרטיק: זיי שרייבן — ווי מ׳שרייבט, ווי מ׳האָט געשריבן פאַר זיי. טאָלסטאָי איז ניט אייגנאַרטיק. טשעכאָוו האָט, קענטיק, אפילו געזוכט אויסצומיידן אייגנאַרטיקייט. מאָפּאַסאַן איז ניט אייגנאַרטיק. שלום אַש איז ניט אייגנאַרטיק. דאָסטאָיעווסקי, ווידער — איז אייגנאַרטיק. דוד בערגעלסאָן איז אייגנאַרטיק. האַמסון איז אייגנאַרטיק. געווען מיט אַ יאָר הונדערט צוריק אַן ענגלישער שרייבער, דזשאָרדזש באָרראָו, וועלכער האָט געשריבן וועגן די ציגיינער אין ענגלאַנד — יענער איז זייער אייגנאַרטיק. דאָס זענען מענטשן וואָס זאָגן וואָס זיי האָבן צו זאָגן בלויז אַזוי ווי עס אַנטפּלעקט זיך צו זיי. אַ סך מענטשן קאָנען שרייבן אויף דערזעלבער טעמע, און אַרויסקומען זאָל עס

ביי יעדן באַזונדער אַנדערש. דער קלאַסישער ביישפּיל איז ליבע.

און סוף־כל־סוף, אַז איך דערמאָן זיך אָן, אַשטייגער, אַלפאָנס דאָדע׳ס „בריוו פון מיין מיל״, איז מיר לגמרי שווער אָפּצו־טיילן מאַניר פון סטיל און סטיל פון מאַניר.

ד.

אַ קינסטלער גייט אין חדר זיין גאַנץ לעבן.

ביי אַ יונגען שרייבער צעלויפן זיך די אויגן ווי ביי אַ זויג־קינד. אַלץ איז פאַר אים אַ טעמע. אין מיינע גאָר יונגע יאָרן האָב איך געדענקט, אַז ווען מיר וואָלט זיך איינגעגעבן צו באַשרייבן אַ טאָג פון מיין לעבן מיט אַלע זיינע אויסערלעכע און אינערלעכע פּאַסירונגען, מיט אַלע געדאַנקען און גע־פילן וואָס לויפן דורך אין מיר אין פאַרלויף פון דעם איינעם טאָג, וואָלט עס געווען אַ וויכטיקע אַרבעט. אין פיל שפּעטערע יאָרן האָט דזשעימס דזשאָיס געפּרואווט טון טאַקע גענוי דאָס אין זיין „אוליסעס״. מיט דער צייט האָב איך איינגעזען, אַז אַן אַרבעט וואָלט עס אפשר געווען, אָבער קיין ווערק ניט. אין דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט, אין דער „נאַטור״, זענען קיין קונסטווערק נישטאָ; פאַראַן בלויז אַ לויף פון נישטגעשטאַלטעטע פּאַסירונגען, בעת אַ ווערק איז אַ רע־זולטאַט פון אַ מענטשנס אויסוואַל, דיקטירט פון אַ באַ־שטימטן ציל.

אַ קינסטלער גייט אין חדר זיין גאַנץ לעבן, און איך האָב געלערנט פון מיינע קאָלעגן, אידישע און ניט-אידישע, וויאַזוי נ י ט צו שרייבן — ווייל וויאַזוי י אָ צו שרייבן קאָן מען זיך פון יענעם ניט אויסלערנען. איך האָב געלערנט פון פרעמדע פעלערן און פון מיינע אייגענע דורכפאַלן וואָס אויסצומיידן. וואָס אָבער י אָ צו טון האָב איך אפילו פון מיינע אייגענע דערפאָלגן ניט געקאָנט לערנען, ווייל יעדע טעמע האָט אירע אייגענע רעכט און יעדער אינהאַלט דיק־טירט זיין אייגענע פאָרם און מאַניר. יעדע ניי-אונטערגע־נומענע זאַך איז אַן „עדווענטשור” אין אומבאַקאַנטע וואַ־סערן. יעדע נייע טעמע פאַרלאַנגט אַ נייע באַהאַנדלונג. געוויס, מיר באַנוצן זיך מער-ווייניקער מיט קאָמפּאַסן — מיט ליטעראַרישע און קינסטלערישע טעאָריעס. אָבער דער קאָמפּאַס, פּונקט ווי אויף אַ שיף, קאָן אָנווייזן בלויז די אַלגע־מיינע ריכטונג. טראַט בא טראָט אָבער וואַקלט ער זיך צווישן אַלע זיינע „פּונקטן”: מזרח; מזרח-דרום; דרום-מזרח; דרום, עטצ. — און דער מענטש אויפן בריקל דאַרף האַלטן אַן אויג אַז ער זאָל ניט אַריינפאָרן אין די „דאָלדרומס”, אין די טויטע, ווינטלאָזע וואַסערן. מ'זאָגט אמאָל: פון צוויי-דריי שורות קאָן מען דערקענען יענעם-און-יענעם שרייבער, און מ'האַלט דאָס פאַר אַ מעלה. ביי מיר איז עס קיין מעלה ניט, ווייל דאָס באַווייזט בלויז, אַז מאַניר האָט זיך דאָ פאַרוואַנ־דעלט אין מאַנעריזם און אַז דער שרייבער מאַכט-נאָך זיך אַליין, באשר עפּעס אַזוינס האָט זיך אים איינמאָל איינגעגע־בן און אים דאַכט זיך אַז ער האָט אַנטדעקט אַ גאָלד-מינע — צום עקספּלואַטירן נאָכאַנאַנד. קונסט איז שעפעריש דער־מיט וואָס זי איז בטבע אינטים, פערזענלעך און איינמאָליק.

ווען אַ קונסטווערק ווערט צעגלידערט מיטן שכל און זיין „מעטאָד" דערלערנט און נאָכגעקאָפּירט — אַלצאיינס צי פון אַנדערע צי פונם קינסטלער אַליין — הויבט זיך אָן מ ל א כ ה. אַ שריט ווייטער, און עס קומט־אַריין די ט ע כ־נ י ק — און מיר האָבן אַן א י נ ד ו ס ט ר י ע: רעפּראָדוקציעס פון בילדער, קאָפּיעס פון ביכער, א.ד.ג. די פּראָדוקטן פון דער אינדוסטריע קאָנען זיך זיין געזעלשאַפטלעך ניצלעך צוליב זייער צוגענגלעכקייט פאַר גרעסערע צאָלן מענטשן; זיי קאָנען אפילו זיין נעט און עסטעטיש — נאָר דער פּערזענ־לעכער באַריר און דער ערשטער אימפּולס זענען פאַרלוירן געגאַנגען. די קונסט ווערט אַזויאַרום אַ מ ו ס ט ע ר־צ י י־כ ע נ ע ר פאַר דער אינדוסטריע. —

ה. —

איך האָב געלערנט פון אַנדערע קונסטן. מיינע טראַכטונגען וועגן די דאָזיקע ענינים האָבן מיך געפירט צו אינטערע־סאַנטע פאַרגלייכונגען. וואָס מיר שעצן אין דער קונסט איבערהויפּט איז וואָס זי באַרייכערט אונדזער לעבן מיט כמו־אָדער כמעט־איבערלעבונגען. אָבער די גראַפישע און פּלאַסטישע קונסטן און די מוזיק דערגרייכן זייער ציל דורך אוניווערסאַלע, אַלמענטשלעכע און פשוט פיזיאָלאָגישע מיט־לען. און הגם מאָלעריי, למשל, גיט אונדז בלויז אַ רעפּרעזענ־טאַציע פון אַ געגנשטאַנד און ניט דעם געגנשטאַנד גופא, און אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע — בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ געוויסן געמיט־צושטאַנד, אַפּעלירן זיי אָבער דירעקט דורך אונדזערע חושים צו אונדזערע עמאָציעס און אונדזער פאַנ־

טאַזיע און ערשט פון דאָרט צום אינטעלעקט. אַנדערש איז עם מיט ליטעראַטור און איר מעדיום, דאָס וואָרט. דער גאַנצער ענין שפּראַך ביי מענטשן איז אַ קאָנווענציאָנעלער. אַלץ וואָס אין איר איז פאַרבליבן פון אַנימאַלישער ספּאָנטאַנישקייט איז דער אויסגעשריי, דער זיפץ, דער קרעכץ, די באַזונדערע אינטאָנירונג פון פראַגע און באַהויפּטונג, עטצ. און אפילו די־אָ האָט ער, א י ן ש ר י י ב ן, זיך אויסגעלערנט איבערצוגעבן דורך צייכנס וואָס אין זיך גופא מיינען זיי ג אָ ר נ י ש ט, ווי געשריבענע נאָטן. דאָס וואָרט, זייענדיק בלויז אַ קאָנווענציע, אָן אָפּגעמאַכטע זאַך אַז די־און־די קלאַנגען מיינען דעם־און־דעם געגנשטאַנד, קאָן ווייטער פון אויער ניט גיין סיידן דורכן אינטעלעקט, פון וואַנען עס ווערט ערשט טראַנספּערירט צו די עמאָציעס און דער פאָרשטעלונגסקראַפט. דער וועג איז אַ פאַרקערטער, און דאָס וואָרט איז בלויז אַ שאָטן פון דער רעאַליטעט. דאָס געשריבענע וואָרט, ווידער, איז אַ שאָטן פון אַ שאָטן. די ספערע פון טעטיקייט פון דער וואָרטקונסט איז, אמת, אַ ברייטערע און רירט־אָן ביז צו אַ געוויסן גראַד די געביטן פון די אַנדערע קונסטן, אָבער איר ווירקונג איז אַ שוואַכערע, אַ בלאַסערע.

ביי דער דאָזיקער אַנטדעקונג האָט זיך מיין פּנים אביסל אויסגעצויגן. איך האָב גענומען זוכן מיטלען און וועגן וויאַזוי צו דערנענטערן די וואָרטקונסט צו אַנדערע קונסטן, דאָס הייסט, צו זייער קראַפט פון באַווירקונג. מיין אנאליז פונם כאַראַקטער פון די קונסטן האָט מיך געבראַכט אָט צו וואָס:

אַ מאָלעריי איז אַ פּראָעקציע אין רוים; דער צושויער קאָן

אַרומכאַפּן דעם גאַנצן שטח פון אַ בילד אין איין אויגנבליק — דער עלעמענט פון צייט קומט אַהער ניט אַריין. מוזיק, ווידער, איז פּראָעקציע אין צייט אַליין, און די קאַטעגאָריע פון רוים שפּילט דאָ קיין ראָלע ניט. סטאַטישע וואָרט־שילדערונג איז דעריבער נענטער צו מאָלעריי און קאָן עפּעס נאָשן פון אירע מעטאָדן: צייכענונג; ליכט־ און קאָליר־פלעקן; דעטאַלן געגעבן מאָזאאיק־מעסיק; דער עלעמענט פון צייט רעדוצירט צון אַ מינימום, וואָס דערצו קאָן אפשר מיטהעלפן דער געברויך פונם „איצט” באַם ווערב; דער אבסטראַקטער זאַץ איז נישט גענוג — עס דאַרף ווי ווייט מעגלעך געגעבן ווערן א בילד, אַן אימאזש; און — קאָמפּאָזיציע. צו דער דינאַמישער דערציילונג קאָן די מוזיק ביישטייערן דאַווקע צייט־עלעמענטן: טעמפּאָ; מוזיקאַלישקייט פון דער שפּראַך לויטן כאַראַקטער פון אינהאַלט — וואו זי דאַרף קלינגען וואויל און פליסיק, „כמי השילוח ההולכים לאט”, און וואו עס דאַרף זיך הערן די סטאַקאַטאָ, דער דריבנער, צעשאָטענער ריטם פון א מיליטערישער פּויק; האַרמאָניע, און פּאַסיקער געברויך אפילו פון דיסאָנאַנס. און ווידער טאַקע — קאָמפּאָזיציע און גאַנצקייט פון פאָרם.

טראַכטנדיק וועגן קאָמפּאָזיציע, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק אַ קאַטעדראַל, ניט ווי ער זעט־אויס פון דרויסן, נאָר פון אינעווייניק און אין יענעם מאָמענט ווען דער פּריסטער פירט אַ גאָטעסדינסט, דער אָרגעל שפּילט און דער עולם מתפּללים האָט זיך אַרונטערגעלאָזן אויף די קני. די אידישע דוגמא וואָלט געווען: דער בית המקדש יום־כיפּור צו נעילה, ווען דער כהן גדול קומט־אַרויס פון קדשי־קדשים אין דער

עזרה, וכל העם כורעים ומשתחוים. אַן אַרכיטעקט, האָב איך מיר געזאָגט, וואָס האָט ניט געהאַט אין אויג פֿאָרויס דעם בנין בעת ער דערפֿילט זיין העכסטע פֿונקציע, האָט פֿאַר־פֿעלט זיין ציל. נאָר אָט די פֿאָרשטעלונג איז אויך בלויז אַ סטאַטישע, אַ בילדמעסיקע. די וואָרטקונסט אָבער, זייענדיק אין איר נאַטור דינאַמיש און, הייסט עס, צייטלעך, דאַרף נאָכפֿאָלגן מער אין די דרכים פֿון דער מוזיק: די צייט גייט ניט אויף צוריק, און אַ מעשה דאַרף זיך אָנהויבן, לויפֿן איר גאַנג און קומען צו איר סוף. לויפֿן פֿונם בן־מלך צו דער בת־מלכה און צוריק און איבעררייסן יעדעס מאָל די שטימונג פֿונם לייענער איז אַן אומבאַהאָלפֿענער מעטאָד. איך אַליין האָב אין „צלם" אָנגעהויבן פֿונם נאָכדעם און נאָך אַריינ־געפֿירט אַן איבעריקן דערציילער — און בכלל פֿאַרשאַפֿט מיר דידאָזיקע זאַך אַ סך פֿאַרדראָס: דער סאַמע סימבאָל פֿונם צלם איז אַ געצוואונגענער, אַ צוגעטראַכטער. אין מיין יוגנט, באַשרייבנדיק ערגעץ דעם אָנקום פֿון פֿרילינג, דערצייל איך וועגן דעם וויאַזוי טייכן ברעכן־דורך זייער אייזיקע הויט, אָדער עפּעס ענלעכס. נו, אַ מענטשלעך אויג קאָן ניט אָנזען פֿאַראַמאָל קיין „טייכן" — עס קאָן זען בלויז אַ טייך. די באַשרייבונג איז, הייסט עס, געווען אַ צוגע־טראַכטע, אַ געאָגראַפֿישע. — עס פּאַסירט אַמאָל, אַז ווען אַ שרייבער געפֿעלט זיינס עפּעס אַ וואָרט אָדער אַ חנ׳דל, קאָן ער זיך ניט איינהאַלטן פֿון איבער׳חזרן עס אויפֿן זעלבן זייטל אָדער אויפֿן צווייטן. מ׳קאָן יאָ אַמאָל געברויכן ווידער־האָלונג כדי עפּעס וואָס צו אַקצענטירן, און דעמלט האָט עס אַ באַשטימטן ריטמישן ווערט. איך רעד אָבער פֿון די פֿאַלן ווען אַ שרייבער חזר׳ט זיך איבער פֿון מורא, אַז דער

לייענער וועט פאַרזען זיינע אַ חכמה — דאָס איז בפירוש אַ שוואַכקייט. עס איז גאָרניט נויטיק אַז דער לייענער זאָל אויפנעמען יעדע דעטאַל מיט זיין באַוואוסטזיין; אויב דער שטריך איז אַ געלונגענער, וועט ער צו אים אַריינקומען אין אונטערבאַוואוסטזיין און וועט זיין מיסיע דערפילן. און עס איז גאָר ניט נויטיק צו ברענגען אַלץ וואָר עס גייט דורך אין אייער קאָפּ. עס איז גענוג צו־געבן אַ דיסטילאַט.

אָבער די אַלע זאַכן זענען פּרטים. דער תוך פון קאָמפּאָזיציע איז גאַנצקייט פונם ווערק, אַזוי אַז, איינמאָל געשאַפן, זאָל עס קאָנען עקזיסטירן אָן זיין באַשעפער. איוב, הגם ער איז לא היה ולא נברא און געלעבט האָט ער אַזש אין „לאַנד עוץ", איז פאַר אונדז אַלעמען אַ לעבעדיקער מענטש, און פון זיין באַשעפער ווייסן מיר גאָר ניט. האַמ־לעט לעבט בפירוש אומאָפּהענגיק פון שעקספּירן; ער פאַר־מאָגט אפילו דעם כח פון רעפּראָדוקציע און האָט באַפרוכ־פּערט אַ גרויסע צאָל קינסטלער און פּאָעטן. מיט דרייסיק יאָר צוריק האָב איך געזען אין שטאָטראַט פון באַזעל אַ בילד פון אַרנאָלד בעקלין: „פּאָרטרעט פון אַן אומבאַקאַנטן" — און ביז היינטיקן טאָג וואָלט איך געמעגט שווערן אַז איך האָב יענעם מענטשן אַליין ערגעץ געזען אָדער געקענט, און בעקלין קומט דאָ גאָר ניט אַריין. די קונסט פאַרמערט די צאָל פון עקזיסטענצן אין אונדזער וועלט.

וואָס זענען זיי, אָט די עקזיסטענצן, און פונוואַנען נעמען

זיי זיך? מסתמא פון אונדזער אונטערבאַוואוסטזיין, וואָס איז אַ כאַאָטישע אָנזאַמלונג פון האַלב פאַרגעסענע, און אפשר אויך פון גע׳ירשנ׳טע, אימפּרעסיעס. מענטשן זוכן שטענדיק אַריינצוברענגען אַ סדר אינם תוהו ובוהו וואָס רופט זיך די דרויסנדיקע, אָביעקטיווע וועלט דורך אינטעג־רירן דערשיינונגען אַרום אַ וועלכן־עס־איז פּונקט וואָס זיי האָבן ביי זיך אָפּגעמאַכט צו האַלטן פאַר צענטראַל. נאָכדעם נעמען זיי אָן דעם פון־זיי־געשאַפענעם סדר פאַר אַ זאַך וואָס עקזיסטירט דרויסן פון זיי. זיי שאַפן זיך נאַטור־געזעצן, וויסנ־שאַפטלעכע דיסציפּלינען, פילאָזאָפישע סיסטעמען, און זיי פילן, אַז זיי פאַרשטייען די וועלט „ווי זי איז״. עפּעס ענלעכס דערצו פּאַסירט מיט׳ן קינסטלער. ער לאָזט זיך אַרונ־טער אין זיין „קעלער״, וואָס איז פאַרוואַלגערט מיט זכרונות פון אַלערליי אימפּרעסיעס, געפילן, געדאַנקען, כאַראַקטער־שטריכן — און פישט אַרויס פון צווישן זיי די יעניקע וואָס לאָזן זיך אינטעגרירן אין אַ געשטאַלט, אונטער דער לייטונג פון אַן אומקלאָרן דראַנג און פּלאַן. כמעט גענוי דאָסזעלבע קומט פאָר מיט אַ מענטשן אין אַ חלום. זיי ביידע, דער קינסט־לער ווי דער חלומ׳ער, הויבן נישט אָן צו וויסן מיט אַ רגע פריער וואָס זייערע אַן אויסגע׳חלומ׳טע געשטאַלט וועט טון אָדער זאָגן מיט אַ רגע שפּעטער. זיי שטוינען דעריבער אי־בער דער קאָנקרעטקייט פון זאַכן און פּאַסירונגען וואָס זען אויס ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעשפּילט אין עפּעס אַן אָביעקטי־ווער וועלט, דרויסן פון זיי. — פאַראַן פונדעסטוועגן אַ פונ־דאַמענטאַלער חילוק צווישן די צוויי. דער קינסטלער האָט אין אויג אַ געוויסע אַלגעמיינע ריכטונג וואוהין ער וויל גיין, כאָטש ער לאָזט זיך לייכט אַראָפּפירן פון איר אין דעטאַלן,

בשעת דער חלומער האָט נישט קיין שום פארלאנג אָדער כוונה וועגן דעם װ ו אָ ס עס זאָל זיך אים חלומ׳ען; און: דער חלומ׳ער גלויבט באמונה שלימה אין זיינע געשטאַלטן בלויז א י ן פ א ר ל ו י ף פון זיין חלום, דערנאָך װארפט ער זיי אָפּ װי פאַנטאַזיעס, בשעת דער קינסטלער הויבט ערשט רעכט אָן אין זיי צו גלויבן נאָכדעם װי ער זעט זיי אויף זיין פּאַפּיר — אָדער אויף זיין לייווענט — אָדער אין זיין ליים. דערמאָנט זיך אָקאָרשט מיט װאָס פאר אַ ליבשאַפט דאַ װינטשי רעדט וועגן ד י ה ע נ ט פון זיין מאָננאַ ליזאַ — נישט פון דער לעבעדיקער, נאָר פון דער געמאָלענער. —

אלזאָ, גאַנצקייט. אַז קיין איבעריקס דאַרף ניט אַרויסגע־בראכט ווערן איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. אַנדערש איז עס מיט נ י ט ־ ד ע ר ז אָ ג ן. דער לייענער איז ניט קיין זויג־קינד און עס מוז איבערגעלאָזן ווערן ע פּ ע ס צו זיין פאַנ־טאַזיע. דער שרייבער איז מחויב ניט אַזוי אָנצווזעטיקן דעם לייענער, װי אים הונגעריק צו מאַכן, כדי דערמיט אַריינ־צוציען אים אינם פּראָצעס פון יצירה. פונוואַנען זשע זאָל די גאַנצקייט קומען? אין אַ קורצער דערציילונג קאָן זי קומען פון אינעווייניק: דער געשלאָסענער עפּיזאָד אָדער דער הויפּט־פאַרשוין וועלן זי געבן. װאָס טוט מען אָבער מיט לענגערע ווערק און ברייטערע בילדער? שלום אַש׳ן האָט זיך איינגעגעבן צו האַלטן זיין „תהילים־איד״ גאַנץ ווייל ער האָט זיך פעסט געהאַלטן ביי איין מענטשן, צייכ־נענדיק די אנדערע בלויז װי הינטערגרונט. אין זיינע אַנ־דערע ראָמאַנען איז אַזאַ גאַנצקייט ניטאָ. אויך עמיל זאָלא, אין זיין „אבאט מיורע,״ האָט עס דערגרייכט, צוליב דעמ־

זעלבן טעם: ער האָט זיך קאָנצענטרירט אויף אָן איינציקן פּאַרשוין. פּאָר בילדער מיט מערערע מענטשן און פּאַסירונגען זענען אפשר נויטיק דרויסנדיקע מיטלען. אין מיין ראָמאַן וואָס זיין ערשטער טייל איז געווען געדרוקט אין „סטודיאָ” פּאַרזוך איז צו גיין נאָך אַ „מוסטער” — דאָס רוסישע וואָרט „אוזאָר” אָדער דאָס ענגלישע „פּעטערן” געבן-איבער מיין מיין בעסער. דער פּלאַן איז דאָ צו געבן יעדן טייל ווי אַ געשלאָסענע זאַך און יעדעם קאַפּיטל ווי אַ געשלאָסענע דערציילונג, וואָס זאָלן זיך אומקערן ביים סוף צו זייער אָנהויב, ווי אַ מין אָרמבאַנד פון רינגען. איך כאַפּ זיך, אַז איך האָב דאָס שוין געטון אינסטינקטיוו, נאָך איידער איך האָב געטראַכט דערפון, אין מיין „אידישער מלוכה”. מסתמא זענען אויך אַנדערע שרייבער געגאַנגען אין דיזעלבע וועגן. —

ז. —

ביי אַ יונגן שרייבער צעלויפן זיך די אויגן, אָבער דער גאַנג פונם לעבן אַרום אים ווי אויך פון זיין אייגענעם לעבן צאַמען אים און צווינגען אים צו גיין אין באַשטימטע דרכים.

נאָך האָמלעד און זשיטאָמירער פּאָגראָמען האָב איך אָנגעשריבן אַ ליד וועגן דעם זעלבשוץ, וועלכער איז דעמאָלט צום ערשטן מאָל געקומען אין דער אידישער וועלט. דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן אונטערן דירעקטן איינדרוק פון דעם וואָס ש. צ. זעצער האָט מיר דערציילט וועגן דעם פּאָגראָם אין זשיטאָמיר. אין יענעם פּאָגראָם האָט פּאַרלוירן זיין

שרייבער אין חדר

לעבן, אין די רייען פון אידישן זעלבשוץ, דער רוסישער סטודענט בלינאָוו, און אין שולן פון אידישע קהילות האָט מען, אפשר צום ערשטן מאָל אין אונדזער געשיכטע, געהאַלטן אל־מלא־רחמים׳ס נאָך אַ „גוי״ — נישט קיין געצוואונגענע, ווי נאָך דעם פאַרהאַסטן „ירום הודו״, נאָר מיט הייסער ליבשאַפט און ביטערן טרויער. אין דעמזעלבן פּאָגראָם האָט ש. צ. זעצער געקראָגן אַ קלאַפּ אין קאָפּ, וואָס מיט זיינע פאָלגן טראָגט ער זיך אַרום ביז אויף היינטיקן טאָג און וועלכער האָט געמאַכט פון אים אַ סאָרט מעדיצינישן וואונדער פון דער גבורה וואָס שטעקט אינם מענטשלעכן אָרגאניזם. — און מיט דעמדאָזיקן ליד בין איך אַריינגעטראָטן אינם פאַס פון מיין שרייבערשער טעטיקייט וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל „פּאָגראָם־דערציילונגען״. עס איז געווען אַ ביטערע צייט פאַר אידן — פאַר אַ נאָווינע — און די דערמאָנטע זאַכן זענען פּסיכאָלאָגיש געווען דער נאַטירלעכער אויסגעשריי פון יענער צייט. דאָס פאָלק האָט, ווי אַנדערע פעלקער, געזונגען אָדער געשריגן פאַרשיידן, לויט די נויטן און דרינגלעכקייטן פון דער צייט. איינמאָל האָט עס אפילו אויסגעשמידט אַ נאָט וואָס האָט זיך געשוואוירן ביי באָרד־און־פּאות, אַז ער איז אַ נוקם ונוטר — הערט אַ השגה — „על שלשים ועל רבעים״! . . נאָר פאַר זיך — פאַר מענטשן, הייסט עס — האָט עס אויסגעהאַמערט דאָס געבאָט: „לא תיקום ולא תיטור״. און דאָסזעלביקע פאָלק, דאָס סאמע נעמלעכע פאָלק האָט איצט געערדט און געשריבן וועגן נקמה און נקמה־געפילן! חיים נחמן ביאַליק, אַ צעריסענער מיט זיך אַליין, האָט געליאַרמט:

נקמה כזאת — נקמת דם ילד קטן —
עוד לא ברא השטן! . . .

דער אמת'ער קוואַל פון יענע מיינע זאַכן איז געווען עקשנות און סטאָאיציזם, און זייער טיפערע אַפּזיכט — צו שטאַרקען די הערצער. אָבער נאָכן אָנשרייבן דעם „צלם״ האָב איך זיך געזאָגט: גענוג! אויס פּאָגראָמען! איך קאָן ניט ווייטער לעבן מיטן פּאָגראָם אין האַרצן. —

געווען אויך אַ ברייטערער מאָטיוו.

פּאָגראָמען, רעוואָלוציעס, מלחמות — קומען און גייען. און זיי פאַרנעמען בערך קורצע צייט-אָפּשניטן. דער לאַנגער גאַנג פונם לעבן אין דער מענטשלעכער וועלט איז אַ געלאַסענער, אַ גלייכמעסטמדיקער, אַ „געוויינלעכער״, און עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז ער זאָל דאָס זיין דער הויפּט-שטאָף פאַר און די הויפּט-עובדא פון ליטעראַטור. נו, דאָס לעבן ווי-עס-איז איז אַ טעגלעכער טור פון קיך צום אָפּטרעט און צוריק, מיט באַפּוצונגען, מיט שאר ירקות. איז צוליב דעם האָט זיך אונדז געלוינט זיך מטריח זיין — אַזש פון אונטערן כסא הכבוד — אהערצו-אַ, אויף סעקאָנד עוועניו, נויאָרק, יו. עס. עי? . . . סיידן צוליב די „שאר ירקות״. אונדזער דראַנג צו באַשענערן דאָס לעבן, צו מאַכן עס באַדייטנדיק, איז אונדזער סוביעקטיווער ביי-טראָג צו אַן אָביעקטיווער וועלט. פאַר דער קונסט — ווי פאַר דער וויסנשאַפט צוליב אַנדערע טעמים — איז אין דער ווירקלעכקייט גופא נישטאָ קיין „שיין״ און קיין „מיאוס״;

שרייבער אין חדר

זי איז בלויז מאַטעריאַל פאַר קאָנסטרוקציעס. דער קינסטלער קאָן דעריבער זען „שיין" אפילו ליידן, אפילו אומגליקן, און אפילו ו ו אָ כ ע ד י ק י י ט ן. געווים איז דער בעל־כּרחך אין לעבן, די געוואַלט וואָס ווערט אויסגעאיבט איבער אונדז פון אומפאַרשטענדלעכע כּוחות, אָן אומווערדיקייט. אָבער די פאָרמולירונג פון אַטדער סיטואַציע אין די ווער־טער: „בעל כּרחך אתּה חי" — איז שוין שיינע ליטעראַטור. און אַז דער רבונו־של־עולם בייזערט זיך: „מעשׂי ידי טובעים בים, ואתּם אומרים שירה?!" — איז אויך ד אָ ס שיינע ליטעראַטור.

איינער פון אונדזערע פּאָעטן, איציק מאַנגער, האָט דערצו געגעבן אַן אויסדרוק וואָס האָט דעם טעם־און־ריח פון בי־טערע מאַנדלען. אין וואַרשע האָט מען געמאַכט אַ קינאָ־בילד מיט מאָלי פּיקאָן אויפן פאָלקסמאָטיוו: „אידל מיטן פידל". דאָס באַקאַנטע לידל גייט אַזוי:

אידל מיטן פידל,
שמערל מיטן באַס,
זינג זשע מיר אַ לידל
אויפן מיטן גאַס.

נו, די לעצטע צוויי שורות: „זינגט זשע מיר אַ לידל אויפן מיטן גאַס" זענען אומזין, גראָס־שטראָם. האָט מען אָבער איבערגעגעבן מאַנגערן צו שרייבן די „ליריקס" פאַרן בילד. האָט ער געמאַכט דערפון:

אידל מיטן פידל,
שמערל מיטן באס,
דאָס לעבן איז אַ לידל,
דאָס לעבן איז אַ שפּאַס . . .

זען דאָס לעבן ווי אַ לידל אָדער ווי אַ שפּאַס — כי זה כל האדם. —

ז. —

די וועלט אונדזערע פּרעזענטירט, הייסט עס, דעם וואָרט-קינסטלער מיט צוויערליי טעמעס: די „הויכע", די גע-שפּאַנטע, וואָס דער קינסטלער דאַרף זי אַריבערשטייגן און נישט פאַרלאָזן זיך דערויף אַז די טעמע, די סענסאַציע, זאָל אים אַרויסטראָגן אויף אירע פּלייצעס; און די „נידעריקע", די געוויינלעכע, וואָס דער קינסטלער דאַרף זי דערהויבן צו זיך, וואָס דאָס איז אפשר נאָך שווערער.

עס גייט-אַרום אַ לעגענדע צווישן די שרייבער און צווישן געוויסע לייענער, אַז דער שרייבער מוז שרייבן, כאילו כפאו שד. דאָס איז שמייכלדיק פאַר די שרייבער, ווייל עס טיילט זיי אַרויס אין עפּעס אַ באַזונדערער ראַסע וואָס אַ פּאָלאַ האָט זיך באַזעצט אין זייערע קעפּ. איך גלויב נישט אין אַטדער לעגענדע. אַ שרייבער קאָן אויך נישט שרייבן. פּשוט — נישט שרייבן. איך בין חושד, אַז דער שרייבערשער שד איז אָפּטמאָל נישט עפּעס אַנדערש ווי די גלוסטעניש „צו זיין ביים עולם אין אויג". דערפון — דער

שרייבער אין חדר

פאַלשער קלאַנג, ווי פון אַן אָנגעשפּאָלטענעם טאָפּ, אין געוויסע ליטעראַרישע ווערק, ספּעציעל די־יעניקע וואָס זענען גענומען אויף „הויכע״ טעמעס, וואו פאַרן שרייבער איז נויטיק אַריבערצושרייען דעם אַזוי אויך שרייענדיקן שטאָף. נישט גרינגער איז עס מיט די „געוויינלעכע״, רעאַליסטישע, טעמעס, וואו איר האָט צו טון מיט געדאַכטע אמתן. איר דערציילט, דאכט זיך, אַן אויסגעטראַכטע מעשה, און פונדעסטוועגן — פּרובירט נאָר זאָגן אַ ליגן, וועט איר זיך אַליין כאַפּן ביי דער האַנט. האַלט איר זיך, ווידער, צו האַרט ביי דער'ערד, בלייבט די זאַך ליגן פלאַך, אומוויכטיק און אומאינטערעסאַנט און האָט אַ טענדענץ אַריינצופאַלן אין פּילווערטערדיקייט, צעצויגענער פּסיכאָלאָגיזירונג, אָדער גאָר אין פּראָטאָקאָל. הכלל: שטיינער; נעצן; גריבער. — אַזוי האָב איך מיר געטראַכט. אַזוי טראַכט איך טיילווייז נאָך איצטער.

אָבער אנטלויפן פון שוועריקייטן איז קיין שכל ניט. איך האָב מיר אויסגעקליבן די „געוויינלעכקייט״.

נאָר דער אידישער גורל האָט זיך איינגעגראָבן מיט ציין און נעגל אין אידישן קינסטלער. עס איז געקומען די מלחמה פון 1914 מיט די גירושים פון די גרעניצן, דערנאָך צוויי רעוואָלוציעס מיט די שרעקלעכסטע שחיטות אויף אידן אין אונדזער געשיכטע — ביז דעמאָלט. יואל ענטין האָט מיר געמאַכט אַ פאַרוואורף: „וואָס שווייגט איר? פאַרוואָס רעאַגירט איר ניט?. איך האָב זיך פאַרענטפערט: „זיי דאַרפן ווערן אויסגעריסן — און איך זאָל אויף זיי מאַכן ליטעראַ־

רישע קאַריערע? . . .״ ער האָט זיך געבייזערט און גע־
פּאַרסקעט: ,,וואָס זענט איר פאַר אַ מיוחס?!״

אַ מיוחס גאָר! אויב אַזוי, טויג עס טאַקע ניט. און אין די
נעקסטע פּאָר יאָר האָב איך אָנגעשריבן ,,ווייסע חלה״ און
,,די אידישע מלוכה״. נאָר צו זיך האָב איך ווידער געזאָגט:
אָן־עק־אַ־סוף! אוים טעמעם מיט אַ קוויטש. און עטלעכע
יאָר האָב איך זיך פאַרנומען מיט אַנדערע שרייבעכצן.

און איצט — היטלער.

דאָס מאָל איז עס צו מיר געקומען אין אַ גראָטעסקער פאָרמע,
ווי אין אַ קרומען שפּיגל, וואָס שיקט מיר צוריק אַ מאָנסטער־
פּרצוף — מיין אייגענעם. איך האָב קיינמאָל ניט געקאָנט
פאַרגעסן די מעשה־סדום וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין טראָיאַ־
נאָוו אין 1905. אויך האָב איך ניט געקאָנט פאַרגעסן דעם
קעשינעווער אידן וואָס איז ניצול געוואָרן פונם דאָרטיקן
פּאָגראָם, איז אנטלאָפן קיין אַמעריקע, און דאָ האָט ער זיך
באַטייליקט אין אַ פּאָגראָם אויף נעגערס אין ספּרינגפילד,
אילינאָי, אין 1908. נאָר דער אנטייל פון אידישע באַנ־
דיטן אין די פּאָגראָמען פון 1919־1920 אין אוקראַינע שטעקט
פּשוט ווי אַ דאָרן אין מיין לייב. איך האָב עס געטריבן פון
זיך ווי מ׳טרייבט אַ מאָסקיטע, נאָר ניט לאַנג צוריק איז
אַריינגעפאַלן צו מיר אין די הענט אַ בריוו פון מיינעם אַ
שטאָטמאַן צו זיין זון אין אַמעריקע, וואו ער דערציילט
וועגן די אידישע באַנדיטן פון אונדזער שטעטל — און
וועגן זייער סוף. ער שיקט זיי נאָך אַ ברכה: ,,די ערד זאָל

זיי אַרויסוואַרפֿן!" — אונדזער גורל האָט זיך פֿאַרנומען צו באַרויבן אונדז ניט בלויז פֿון לעבנסזיכערקייט און מענטשלעכער ווערדע, נאָר אויך פֿון דער אילוזיע און דער פּרעטענזיע צו זיין אַן עולה תמימה.

איך ראַנגל זיך איצט מיט אָט דער טעמע. אייניקע פֿון די הויפּט-פֿאַרשווינען האָב איך אין מיין יוגנט געקענט פּערזענלעך. איך באַמי זיך אַרויסצוראַטעווען פֿון דער בלוטיקער בלאָטע כאָטש אַן איינציקע אידישע נשמה. נפש אחת מישראל. און זאָל דער גאָט פֿון דער קונסט זאָגן וואָס ער וויל.

ח. —

איז אפשר פֿאַרט פֿאַראַן אַ שרייבערשער שד? . . . —

וועגן ראָמאַן.

„דער רעאַליסטישער ראָמאַן און זיין פּראָבלעם", פון ק. לאָקס, אין „סטודיאָ" נומער 3, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די טעאָרעטישע פּראָבלעמען מיט וועלכע עס ראַנגלט זיך די ליטעראַטור אין סאָוועטן-פאַרבאַנד.

וואָס ער זאָגט וועגן עמיל זאָלא איז ריכטיק, הגם ניטניי. אין קורצן קאָן עס הייסן: זאָלא האָט פּלאַנירט זיינע ראָמאַנען ניט לויט אַ קינסטלערישן מוסטער, נאָר ווי אַ ריי אילוסטראַציעס צו אַ וויסנשאַפטלעכער טעאָריע; ער האָט דעריבער דערטרונקען זיינע פּאַרשוינען אין אַ ים פון באַשרייבונגען פון סביבה און אָפּשטאַם, בעת „רעאל איז בלויז דער אימאַזש, רעאַל איז די פּאַראַלגעמיינערונג, און עמפּיריזם איז ניט רעאַליזם". אָבער וועגן פלאָבער'ן איז לאָקס מודה, אַז אין „מאַדאַם באָוואַרי" האָט יענער פולשטענדיק געלייזט זיין פּראָבלעם קינסטלעריש, ד. ה., געשאַפן אַן אימאַזש (מ'קאָן, אגב, „דערטרינקען" אַ העלד אין דעטאַלן וועגן אים גופא). וויבאַלד אַזוי, פאַרוואָס זשע וואַרפט ער פלאָבער'ן מיט זאָלא'ן אין איין טאָפּ פון דער „איינזייטיקייט פונם רעאַליסטישן מעטאָד", וואָס זאָל שטאַמען פון זייער „קלאַסנבאַגרעניצטקייט"?

דער קוועטש זעט-אויס צו ליגן אין דער פילאָזאָפישער טעאָריע פון דעטערמיניזם וואָס שטייט הינטער'ן רעאַליזם אין דער ליטעראַטור: עקזיסטענץ איז אַ קייט פון אורזאַך און פאָלגע, אַן אומענדלעכע קייט פון נויטווענדיקייטן פון

וועלכער עס איז ניטאָ קיין שום אויסוועג. אַלץ איז ווי עס איז און ווי עס מוז זיין און איז פאַרויסבאַשטימט משֵשת ימי בראשית און עד סוף כל הדורות. דאָס הייסט: אַ לאָגיש־קאָנסעקווענטער דעטערמיניזם איז, אייגנטלעך, פּרעדעטערמיניזם.

אַ ליטעראַטור וואָס אָטעמט מיט רעוואָלוציע און פּלאַניר־טער סאָציאַלער ענדערונג קאָן, נאַטירלעך, אַזאַ פילאָזאָפיע ניט אָננעמען: עס מוז ערגעץ בלייבן אַ מעגלעכקייט פאַרן מענטשן דורכצופירן זיין ווילן. פון דער אַנדערער זייט, איז די מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע גופא אויך דעטערמיניס־טיש: אום צו קאָנען עפּעס וואָס פּלאַנירן, דאַרף מען קאָנען פאַרויסזען, ד.ה., עס איז נויטיק, אַז אין דער וועלט זאָל הערשן געזעצמעסיקייט. אויב אָבער די געזעצמעסיקייט הערשט טאַקע אומעטום אין צייט און רוים — איז זי פּרעדעטערמיניזם, און יעדע פּלאַנירונג איז נוצלאָז.

איך זאָל ניט מורא האָבן פאַר לייטן, וואָלט איך געזאָגט, אַז מיר דאַכט אַז יעדע פילאָזאָפישע סיסטעם, יעדער פאַרזוך צו באַגרייפן דעם „אַלץ” ווי אַן „איינס”, פירט אונדז אַריין אין אַזעלכע שוועריקייטן, וואָס איך זע ניט וויאַזוי מ׳קאָן פון זיי אַרויסקריכן „מיט ערע און פּראָפיט”.

אין אונדזער פּריוואַטן פאַל, ד.ה., אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור, פּרובירן זיי צו לייזן די דילעמע מיט דער הילף פון „סאָציאַליסטישן רעאַליזם” אונטערגעשלאָגן מיט „רע־וואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם”. רעאַליזם און ראָמאַנטיזם הויזן

ניט גוט איינער מיטן אַנדערן, נאָר דאָס וועט שוין די דיאַלעקטיק, זאָל לעבן, מוזן באַזאָרגן. —

דער היינטיקער ראָמאַן האָט נאָך אַנדערע דאגות, אויסער די ריין-פילאָזאָפישע. למשל:

די סאָציאַלע שטעלונג פונם שרייבער, וואָס אָפט איז זי פאַרהוילן אפילו פון אים אַליין, ווערט איצט מיט גוואַלט אַרויסגעשלעפּט אויף דער זון. דער ראָמאַן פון פּסיכאָלאָגישע גריבלענישן רופט-אַרויס אומגעדולד און לאַנגווייל. דער נייער, דינאַמישער, כמעט עקספּלאָזיווער לעבנסמאַטעריאַל פאַרלאַנגט אַנדערע מיטלען פון אויסדרוק, אַן אַנדער באַהאַנדלונג. אַלץ צו וואָס אייניקע שרייבער האָבן זיך דערוויילע דערטראַכט איז — די „דריי-בינע” און קינאָ-מעטאָדן. דאָס-פּאַסאָס, צום ביישפּיל. מ'קאָן זיך מיט דידאַקטיקע מעטאָדן ט י י ל װ י י ז באַנוצן, אָבער בויען אַזוי אַ גרעסער ווערק — נעמט אייך אַראָפּ אַ מוסר פון זיינע ראָמאַנען (עס אַרבעט בעסער אין טעאַטער). שאַלאַכאָוו, אַ מענטש וואָס איז רייך אין מאַטעריאַל, שפּרינגט-אַרום אין זיין „דער שטילער דאָן” הין און צוריק פון אָרט צו אָרט, פון מענטשן צו מענטשן, מאַכט-אָן אַ סומאַטאָכע און רייסט-איבער אַלע וויילע דעם לייענערס שטימונג און צעפּיצלט זיין אינטערעס, ווי ער וואָלט גאָר ניט חושד געווען, אַז אַ ראָמאַן דאַרף האָבן אַ בויפּלאַן, אַז אַ ווערק ווירקט מיט זיין ג אַ נ צ ק י י ט. און אַז אים איז געלונגען, אין אונדזערע ניכטערע צייטן, צו שאַפן אַן אמת'דיק טראַגישן העלד, האָט ער ניט געוואוסט

שרייבער אין חדר

וואָס צו טון מיט אים און האָט אים איבערגעלאָזן אויף גאָטס באראָט.

נאָך אַנדערע שוועריקייטן וואַקסן־אַרויס דערפון, וואָס דאָס לעבן איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון שטעטל אין דער גרויסער שטאָט אַריין. בערגעלסאָנען איז גרינג געווען צו אָרגאַניזירן זיין „פּענעק" אַרום דעם „הויז", ווייל דאָס „הויז" איז ווירקלעך געווען דער צענטר פונם לעבן אין שטעטל; איצט, אין „באַם דניעפּער", וועט ער מוזן באַנוצן אַן אַנדער קאָנסטרוקציע.

מיר קומען דאָ צו דעם כמעט פּאַראַדאָקסאַלן שלום, אַז גראָד אין אונדזערע קאָכיקע צייטן מוז געפינען ווערן צום ראָמאַן אַזאַ צוגאַנג וואָס זאָל זיין אי דינאַמיש, אי גלייכצייטיק פּאָרמאַליסטיש. —

װעגן עסעי.

— 1.

ש. ניגער, ריידנדיק אין „סטודיאָ“ װעגן דער שװעריקײט צו דעפינירן דעם עסעי, װײל האָבן אַז עס איז פאַראַן אַ באַזונדערער „עסעאיסטישער מענטש“, װאָס דאָס קאָן מײנען אַן עסעאיסטיש געמיט. ביסלעכװײז װערט פון דעם געמיט — געמיטלעכקייט, און דער עסעי װערט סוף־כל־סוף יאָ דעפינירט װי אַ־שרייבן־אָן־אַ־תכלית. אָבער דערמאָנענדיק י. ל. פרצ׳ן זאָגט ער, אַז „עס האָט אים געפעלט די קונסט, די גראַציע מיט װעלכער דער עסעאיסט פאַרשלייערט זיין ציל, אפילו װען ער האָט אים און װיל אים דערגרייכן“. הייסט עס שוין, װידער, אַז אויך דער עסעאיסט שרייבט ניטאַלעמאָל אָן־אַ־תכלית. אויך זע איך ניט איין, פאַרװאָס „די קונסט און די גראַציע“ מוזן דינען דעם שרייבער דאװקע אויף צו פאַרשלייערן זיין ציל און ניט אויף אים צו אַנטפּלעקן.

אין ערשטן נומער „סטודיאָ“ האָב איך געזאָגט, אַז דער עסעי געפינט זיך אויף דער גרעניץ צװישן זשורנאַליזם און ליטעראַטור. איך האָב זיך שלעכט אויסגעדריקט, און ניגער איז גערעכט װען ער זאָגט, אַז דער עסעי געפינט זיך אינעװייניק אין דער ליטעראַטור — און איך װאָלט צוגעגעבן: אין דער „שיינער“ ליטעראַטור — אויפן שיידװעג צװישן אַלערליי ליטעראַרישע פאָרמען. נאָר נאָכ־דעם װי ער האָט אונטערגעשטעלט אונטערן עסעי אַזאַ

ברייטע באַזע, האָט ער, אָן שום נויט, פאַרשמעלערט זיין פעלד דורך צוגעבן: „און פריער ווי אַלץ צווישן דעם ציטער־דיקן חן פון ליריזם און דער געלאַסנקייט פון עפּיק" — וואָס דאָס איז ווידער טאַקע די „געמיטלעכקייט". אַזאַ רעזולטאַט באַקומט זיך ביי אים ניטגעקוקט דערויף וואָס ער אַליין זוכט דעם עסעי „נישט אַרומצושערן, נאָר אַרומצוצאַמען".

דער אמת איז, אַז זינט מאַנטעג'ס צייט האָט דער כאַראַק־טער פונם עסעי זיך זייער שטאַרק געענדערט. אין יענע יאָרן ווען דער שרייבער האָט זיך געהאַלטן וויַיט פון לעבן האָט דער עסעי ליב געהאַט זיך צו שפּינען אַרום „גרויסע" אַלגעמיינקייטן: „שיינקייט", „אמת", „יושר", א. ד. ג. פאַר אַזעלכע טעמעס איז געמיטלעכקייט און מעדיטאַציע דער פּאַסיקער צוגאַנג. אָבער נעענטער צו אונדזערע טעג — ווערן די אינטערעסן פונם שרייבער אויסגעברייטערט און גלייכ־צייטיק מער קאָנקרעטיזירט. געמיטלעכקייט געפינט אַלץ ווייניקער אַפּליקאַציע צו אונדזערע טעמעס. אפילו אַזאַ יאָ־און־ניין־מענטש ווי א. קאַראַלניק, ווען עס קומט אים אויס צו שרייבן וועגן, למשל, דעם משפט איבער די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון", פאַרלירט ער די געמיטלעכקייט, און צווישן זיין יאָ און צווישן זיין ניין פּליען פונקען. הייסט עס דען, אַז דעם עסעי „ווי אַזעלכן" איז געוואָרן איינג אויף דער וועלט? ניין. עס הייסט בלויז, אַז עס האָט זיך געענדערט דאָס געמיט פון דער וועלט; און אַ לעבעדיקע ליטעראַרישע פאָרם וועט זיין יענע, וואָס קאָן אָפּשפּיגלען ניט סתם געמיטלעכקייט, נאָר דאָס געמיט פון דער סביבה — אין צייט און אָרט.

א ביישפּיל, און דאווקע אַן אַלטער:

מיט יאָרן צוריק פאַלט מיר אריין אין די הענט אַ בראָשורע אויף ענגליש, מיט אַ רעדע וואָס איינער האָט געהאַלטן אין בריטישן לאָרדנהויז. עס איז גלייך נאָך די אומרועץ אין ענגלאַנד ביי דער איינפירונג פון מאַשינען אין די אינ־דוסטריעס, אָנהויב פאַבריקן יאָרהונדערט. מאַסן אַרבעטער זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער גאַס. די אַרבעטער סטרייקן און ברעכן די מאַשינען. די אומרועץ ווערן אונטער־דריקט מיט גוואַלט, און די בורזשואַזיע פירט־איין אַ טעראָר — א רייע בלוטיקע געריכטן וואָס נעמען נקמה פון די אַרבעטער.

מיין רעדנער רעדט ק ע ג ן די געריכטן, קעגן דער גאַנצער שטימונג פון נקמה און טעראָר. מיין רעדנער איז אַליין אַ לאָרד, נאָר זיין נאָמען שווימט מיר עפּעס פאַרביי, ווייל איך קאָן אים ניט אַסאָציאירן מיט דעם נאָמען וואָס איז מיר אַזוי וואויל באַקאַנט.

לייען איך.

דער טאָן איז איינגעהאַלטן, מאַנירלעך, לאָרדיש. איראָניע; סאַרקאַזם; סאַרדאָנישקייט. פאַר די לאָרדן איז עס ניטמער ווי די סאַלאָנישע „רעפּאַרטי״ — וויציקער, פעפערדיקער סאַלאָנגעשפּרעך. זיי לאַכן און איבעררופן זיך וועגן דעם, אַז

שרייבער אין חדר

דער רעדנער זאָל זיך בעסער פאַרנעמען מיט שרייבן פּאָעזיע איידער מיט פּאָליטיק. אָבער איך, דער לייענער, ווער אויפ־גערעגט דורך דעם וואונדערלעכן, קרעפטיקן געברויך פון דער שפּראַך, דורכן רעזערווירטן, נאָר געשפּאַנטן טאָן און, דער עיקר, דורכן פאַרבאָרגענעם, אינווייניקסטן ריטם פון דער פּראָזע, וואָס ברעכט־אויס צום סוף אין צוויי שורות וואָס זענען שוין דייטלעך סקאַנדירט ווי אַ ליד, און זיי רופן זיך אין מיר אָפּ ווי דער וויברירנדיקער בום פון אַ גאָנג. אויב — זאָגט ער — איר וועט וועלן דאווקע באַ־שטראָפן די אַרבעטער, וועט איר זיך נויטיקן אין —

Twelve Butchers for a Jury
And a Jeffries for a Judge . . .

(אַן אַנדייט אויף דער אָפּרעכענונג מיט די אויפשטענדלער נאָך דעם דורכגעפאַלענעם מאַנמאוטה־רעוואָלט אין ענגלאַנד. דער ריכטער דזשעפריעס איז געווען די בלוטיקע האַנט וואָס האָט דורכגעפירט דעם ווילן פון די זיגער.)

פאַרגעסט ניט: די רעדע האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט געהערט; דאָס הייסט, דער מוזיקאַליש־שוישפּילערישער עפעקט פון אַ טריבון אויף דער עסטראַדע איז פאַר מיר פאַר־לוירן געגאַנגען. איך האָט די רעדע בלויז געלייענט. די ווירקונג אויף מיר איז געווען — ווי איך וואָלט מיט איין שלונג אויסגעטרונקען אַ גלאָז שטאַרקן וויין.

אויב דאָס איז ניט קיין עסעי, איז עס זייער נאָענט צו אים. —

(שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז געווען די ערשטע און לעצטע — ד. ה., די איינציקע — רעדע וואָס דזשאָרדזש גאָרדאָן באיראָן האָט געהאַלטן אין בריטישן לאָרדנהויז, וואוהין ער האָט געהערט צוליב זיין געבורט. ערנסט טאָלער, אין זיין פּיעסע „די מאַשין-ברעכער", אָנשטאָט צו ברייגנען די וואונדערלעכע רעדע ווי זי שטייט און גייט, האָט געהאַט דעם שלעכטן געשמאַק צו געבן אַן ערזאַץ אין פערזנמאָס.)

3. —

נאָך אַ ביישפּיל:

פאַראַן א רוסישער פּובליציסט מיכאאיל קאָלצאָוו, וועלכער שרייבט וועגן טאָג-פּראַגן. לייענט-דורך זיינעם אַן אַרטיקל: „אַלץ נאָך גאָגאָל". דאָס איז אַ מעשה וועגן דעם וויאַזוי מ'האָט געמאַכט פאַר אַ קאָליקע איינעם אַ מענטשן אויפן דניעפּערבוי, אדאַנק דער וואוילבאַקאַנטער רוסישער נאָכלעסיקייט און דעם ביוראָקראַטיזם — אַ ירושה פון די אַלטע ציימן, אזש נאָך פון די גאָגאָלשע. דער אַרטיקל הויבט זיך אָן ליריש מיט דער באַרימטער שטעלע פון גאָגאָל'ן: „וואונדערלעך איז דער דניעפּער אין רואיקן וועטער. . . ." די מעשה וויקלט-זיך-אויף קלאָמערשט אָן אַ טאָלק, דער טאָן איז עפּעס אַ פאַרדעכטיק געמיטלעכער, מיט אַ שפּריצל פון אומשולדיקן הומאָר אין זיך — ביז עס דעקט זיך אויף דער גאַנצער עפּיזאָד וואָס איז א מוסטער פון אידיאָטישער הפקרות. דער אַרטיקל עקספּלאָדירט פּלוצים מיט אַ סאַר-

קאַסטישער פאַרקירצונג פון דער אויבענדיקער ציטאַטע פון גאָגאָל'ן און — מיט אַ דרייגאָרנדיקער קללה. עס איז קלאָר, אַז דער אויטאָר האָט געהאַט אויף דער פען דעם קלאַסישן רוסישן פּסוק, נאָר די אָנגענומענע כללים פון אָנ־שטענדיקייט האָבן אים ניט געלאָזן זיך וואוילגיין. עס איז קיין ספק ניט, אַז אויף די געהעריקע דעפּאַרטמענטן האָט דער אַרטיקל געהאַט די ווירקונג ניט פון עפּעס דאָרטן אַ „דאָקלאַד", נאָר פון אַ באָמבע; אָבער דער חידוש איז, וואָס ער האָט דעמזעלבן עפעקט אויך אויפן לייענער: איך שפּרינגט־אויף אַ צעקאָכטער און לאַכט מיט אַ בייזן גע־לעכטער. דער כמעט טריוויאַלער אינצידענט אַליין וואָלט אויף אייך אַזאַ רושם ניט געמאַכט. דאָס איז דערגרייכט געוואָרן מיט שרייבערשע מיטלען: סטיל, טאָן, אַקצענטירונג פון מאָמענטן, קלימאַקס און — איבער אַלעם — פאָרם; דער אַרטיקל ווירקט גאַנצערהייד, מיט זיין גאַנצ־קייט. אייער בייזקייט און אייער געלעכטער זענען דער רעזולטאַט פון עסטעטישער באַווירקונג.

אויב דאָס איז ניט קיין עסעי, איז עס זייער נאָענט צון אים. —

—.4

איך וואָלט אינגאַנצן ניט געזוכט צו דעפינירן דעם „ריינעם" עסעי, נאָר צו כאַראַקטעריזירן דעם עסעאיסטישן סאָרט שרייבן — ניט דעם „עסעאיסטישן מענטשן". פּרואווט, אויף טשיקאַוועס, דעפינירן „ריין" דאָס ליד, די דערציילונג, דעם ראָמאַן — יעדע איינע פון די ליטעראַ־

רישע פאָרמען — און איר וועט פאַרבלאָנדזשעט ווערן אין
אַ געדיכטן פאַרפלאָנטערטן וואַלד. אַלע ליטעראַרישע פאָר־
מען גיסן זיך אַריין איינע אין דער צווייטער, און אַ זשור־
נאַליסטישער אַרטיקל, אַזוי גוט ווי אַ פילאָזאָפישע אָפּהאַנד־
לונג, קאָנען פאַר אונדז אין די אויגן זיך פאַרוואַנדלען אין
ליטעראַטור — דורך דער עסעאיסטישער פאָרם, וואָס איז
באמת דער אָנהויב פון ליטעראַטור. אַזעלכע שרייבער ווי
ליטטאָן סטרעטשי אָדער אַנדרע מאָרוא האָבן זיך אַריינגע־
גליטשט אין זייערע בעלעטריסטישע ביאָגראַפיעס דורכן
עסעי. ווען עמאַנועל קאַנט, ווען עס איז פאָרגעשריבן צו
זיין שטייף און פאַרקנעפּלט ביזן גאָרגל, זאָגט אַזוי ליריש
און שטיל: „דער אויסגעשטערנטער הימל איבער מיין קאָפּ
און דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו אין מיין האַרצן” —
דערזעט איר בחוש די שימערירנדיקע זילבערנע שיין וואָס
דער „אויסגעשטערנטער הימל” וואַרפט אויף דעם נאַקעטן
סקעלעט פון „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו”. אָדער ווען דער־
זעלבער פילאָזאָף הויבט־אָן זיין פאָרשונג פון דעם „דינג אן
זיך” מיט די וואָרנענדיקע ווערטער: „און איצט לאָזן מיר
זיך אַרויס אויף אַ נסיעה אין אומבאַקאַנטע, ניטאויסגע־
פאָרשטע, ניט־מאַפּירטע וואַסערן” — דערשפּירט איר דעם
פאַך פון די פליגל פון דער שעפערישער פאַנטאַזיע. קאַרל
מאַרקס עפנט דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט” מיטן זאַץ:
„איבער איראָפּע האָט זיך אַריבערגעטראָגן דער ס פ ע ק־
ט ע ר פון קאָמוניזם”.... באַמערקט, ווי די אַלע שרייבער
צינדן־אָן אייער פאָרשטעלונגסקראַפט, ווייל זייער אייגענע
איז אָנגעצונדן. די טעמע קאָן זיין „אַ געבראָטן חזירל”, ווי
ביי איינעם פון די ענגלישע עסעאיסטן; אָדער אַ שאַלנדיקער

רוף צו רעוואָלוציע, ווי ביי מאַרקס׳ן; אָדער אַן אריינדרינג אין די „אומבאַקאַנטע וואַסערן" פון דער מענטשלעכער דערקענטניש, פון איין זייט, און פונם „דינג אַן זיך" — פון דער צווייטער. געמיינשאַפטלעך צו זיי אַלעמען איז דאָס, וואָס זיי באַנוגענען זיך ניט מיט ריינער עקספּאָזיציע: זיי זוכן אַרויסצוקריגן פון לייענער אַן ע מ אָ צ י אָ נ ע ל - ע ס - ט ע ט י ש ן אָ פּ ק ל אַ נ ג. דאָס איז ליטעראַטור, און דאָס זענען מאַניפעסטאַציעס פונם עסעאיסטישן סאָרט שרייבן.

איך ווייס נישט צי עס וועט עפּעס־וואָס קלערער מאַכן, אויב איך וועל זאָגן, אַז איך האַלט די מאָצאַרט־מוזיק פאַר „עסעאיסטיש" אין איר כאַראַקטער.

„דער עסעי שטייט ביים שיידוועג פון אַלע ליטעראַרישע פאָרמען". ער קאָן האָבן אַ ציל און וועלן אים דערגרייכן. אָבער ער פאַרלאָזט זיך ניט אויסשליסלעך אויף לאָגישער אַרגומענטאַציע — ער שטרעבט צו באַווירקן עסטעטיש־עמאָציאָנעל. אויב זיין טעמע איז אבסטראַקט און „גרויס", נעמט ער זי אָן ביי אירע וויטאַלע, ווי מעגלעך ק אָ נ ק ר ע ט ע, פונקטן; אויב זיין טעמע איז „קליין", טאָג־טעגלעך, טריוויאַל — גיט ער אַ רמז אויף איר שייכות צו גרעסערע, אַלגעמיינע „אישום". —

פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור—אינם פּראָצעס פון ווערן.

(די אַרטיקלען אונטער דעם קעפּל זענען געשריבן געוואָרן אין דער צייט ווען ביי אונדז האָט זיך געקאָכט מיט פּראָ־לעטאַרישער ליטעראַטור).

.1

איך פיל זיך ניט פאַרטיק צו ריידן וועגן פּראָלעט־ליטעראַטור קאַטעגאָריש, ווייל צו דעם וואָס איך האָב געשריבן וועגן דעם ענין מיט עטלעכע יאָר צוריק אין דער „מאָרגן־פרייהייט" און אנדערשוואו האָב איך ווייניק וואָס צוגעגעבן. דער באַגריף פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור האַלט נאָך אַלץ אינם פּראָצעס פון זיך אויספאָרמירן און זיך דעפינירן. דאָס איז א גוטער סימן פאַר אים. אַ לעבעדיקע אידייע נעמט זיך צייט צו וואַקסן, און זי וואַקסט אין טראָט־און־שפּאַן מיט דער אנטוויקלונג פון די געזעלשאפטלעכע כוחות. דער גאַנצער ענין שיינט מיר נאָך אַלץ צו זיין אַ רעטראָספּעק־טיווער. ווען אַ קלאַס ווערט דער הערשער פון געזעלשאפט־לעכן לעבן, ווערט די ליטעראַטור ממילא אן אָפּשפּיגלונג פון זיין לעבן. דאָס איז דער אמתער תוך פונם טערמין „סאָציאַלע באַשטעלונג". באַשטעלונג וואָס ווערט אויסגעפירט אויף באַ־וואוסטזיניקער דיקטירונג, פון וועלכן קלאַס זי זאָל ניט קומען, איז „ערזאַץ", און ווערט פון קיינעם ניט גענומען ערנסט.

.2

עס איז ניט אינטערעסאַנט צו פּאָלעמיזירן מיט יענע וואָס

זענען געגן פראָלעטאַרישער ליטעראַטור. עס איז אָבער וויכטיק צו פאַרשטענדיקן זיך קלאָר מיט די וואָס זענען פ אַ ר — דאָס הייסט, קלאָר מאַכן דעם ענין פאַר זיך אַליין.

די גרעסטע שוועריקייטן וואָרצלען ערגעץ אין דעם אייביקן, אינעווייניקסטן, אפשר אומלעזבאַרן קאָנפליקט צווישן דעם כלל און דעם יחיד — אַ קאָנפליקט וואָס טראָגט אין זיך אַ היפּש ביסל טראַגיזם פאַרן יחיד, ווייל דער כלל, וועלכער לעבט „אייביק", אַזוי ווייט ווי אונדזער אויג קאָן גרייכן, איז אָפּטמאָל דראַמאַטיש, נאָר זייער זעלטן טראַגיש, בעת דער יחיד האָט אַ מאַקסימום קאָנטאָ אויף 70 (דורכשניטלעך, 46) יאָר.

קודם כל מוז איך זאָגן, אַז איך רעד וועגן ליטעראַטור אין איינגערן זינען: וועגן פּאָעזיע און קינסטלערישער פּראָזע („דאַכטונג"); דאָס הייסט, וועגן יענער ליטעראַטור וואָס איר הויפּט-כח ליגט אין עמאָציאָנעל-עסטעטישער באַוויר-קונג. הגם אויך אָט די ליטעראַטור איז אָ ב י ע ק ט י וו אַ סאָציאַלער פאַקטאָר און אַ קאָלעקטיווע טעטיקייט, איז זי אָבער ס ו ב י ע ק ט י וו אַ יחידישע פונקציע: איר שאַפער, דער שרייבער, איז אַ יחיד; איר אָביעקט איז דער יחיד מיט זיינע איבערלעבונגען; איר אוידיענץ איז דער יחיד, אָדער די מעגלעך-גרעסטע צאָל פון יחידים. די סאָציאַלע וויסנ-שאַפטן זעען דעם יחיד דורך דעם כלל און דורך כלל-סימנים, ווי אַ פּשוט'ע, טיפּישע, כאַראַקטערלאָזע ציפער, וואָס אירע אָפּווייכונגען פונם כלל זענען אומענדלעך קליין און אָן גע-וויכט אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס איז אַלגעמיין אין אַלע

יחידים. פאַר וויסנשאַפטלעכע צוועקן קאָן דער יחיד אַנדערש ניט באַטראַכט ווערן, דער וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג צו דער וועלט באַצוועקט צו רעדוצירן די פאַרשיידנאַרטיקייט און פילפאַכקייט צו אַ מינימום פון אַלגעמיינקייטן. אַנדערש איז די קינסטלערישע ליטעראַטור, וועלכע דערגרייכט דעם לייע־נער דורך זיינע עמאָציעס און זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט; זי איז פאַראינטערעסירט דאַווקע אין די אָפּווייכונגען פונם טיפּ, אין די באַזונדערקייטן פון דעם יחיד, **אין דער ספּעציפיק און דער קאַנקרעטקייט פון דערשיינונגען;** ממילא **זעט זי דעם כלל דורכן יחיד.** זי קאָן אים, דעם כלל, גאָר אַנדערש ניט באַנעמען, ווייל פאַר איר איז דער כלל אַ פּראָדוקט פונם אינטעלעקט — אַן אַבסטראַקציע. פאַרזוכן צו קאָנקרעטיזירן אַבסטראַקציעס אין דער ליטעראַטור, ווי אין אַנדערע יחידישע קונסטן, האָבן פאַרשפּיצט די טעכניק, נאָר קיין באַדייטנדיקע קונסווערק האָבן זיי ניט געגעבן. —

אַן אויסנעם זענען די ס פּ ע ק ט אַ ק ו ל ע ר ע קונסטן — טעאַטער, למשל. די אונטערנעמונג איז דאָ פון אָנהויב אָן אַ קאָלעקטיווע: די אַקטיווע שאַפער זענען דער אויטאָר, דער רעזשיסער, די שוישפּילער, דער מאָלער, דער מוזיקער, דער אויסשטאַטער. פון דעמזעלבן כאַראַקטער איז אַ סימ־פאָנישער קאָנצערט, אויסגעפירט פאַר אַן עולם צוהערער. אפילו דער פאַסיווער אויפנעמער, דער יחיד, איז ניט אינ־גאַנצן פאַסיוו און ניט אינגאַנצן יחיד: ער איז אַ טייל פון אַן עולם וואָס רינגלט אים אַרום פון אַלע זייטן, וואָס שלינגט אים איין, און רעאַגירן רעאַגירט ער קאָלעקטיוו. עס זענען דעריבער מעגלעך אימפּאָזאַנטע קונסטווערק וואָס טראָגן

אַ כלל'ישן כאַראַקטער, אין דער פאָרמע פון דראַמאַטישע אָדער מוזיקאַלישע אויפפירונגען, הגם אויך דאָ קאָן מען ניט לאַנג האַלטן די אויפמערקזאַמקייט פונם עולם אינגאַנצן אָן דער הילף פון שאַרפע יחידישע פנימער און אינטים-לירישע פּאַסאַזשן. — אָבער מיר ריידן דאָ פון ליטעראַטור — פון אַ בוך, וואָס געשריבען ווערט עס פון איינעם און געליי־ענט, בדרך כלל, פון אַ צווייטן איינעם ביי זיין אייגענעם יחידישן לעמפּל, אפשר אין דער שטילקייט פון דער נאַכט — די ליטעראַטור וואָס גרייכט ווייטער און טיפער, ווייל זי טרעפט דעם מענטשן אין זיין באַהעלטעניש.—

.3

אין דעם אויבנגעזאָגטן ליגט, דאַכט מיר, די הויפּט-מניעה צו אַ שנעלער טעמפּאָ אין דער אַנטוויקלונג פון אַ ליטעראַ־טור וואָס מ'וואָלט געקאָנט אָנרופן פּראָלעטאַריש, — אויב די הנחות גופא זענען ריכטיק. —

די אָביעקטיווע זייט:

דער פּראָלעטאַריאַט האָט נאָך דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן ניט באַהערשט — ער שטרעקט ערשט זיין האַנט צו דער הערשאַפט. זיין סאָציאַל-פּאָליטישער איינפלוס וואַקסט; אָבער ער איז נאָך דערווייל גליד אין אַ קלאַסנגעזעלשאַפט וואו אַן אַנדער קלאַס איז באַלעבאָס. עס איז אוממעגלעך, אַז די ליטעראַטור, אין גאַנצן און גרויסן, זאָל אויספילן זיין סאָ־ציאַלע באַשטעלונג, זאָל קודם כל אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פונם פּראָלעטאַריאַט.

די סוביעקטיווע זייט:

דער פראָלעטאַריאַט שטרעקט זיין האַנט צו דער הערשאַפט — אין אַ געזעלשאַפט וואו נ י ט ע ר איז באַלעבאַס. דאָס איז אַ ר ע וו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע ס י ט ו אַ צ י ע, אַ סאָציאַלע מלחמה. אין אַזאַ צייט פאַלט דער יחיד אַוועק אויפן צווייטן פּלאַן, די מאַסן פאַרנעמען דעם פאָדערגרונט, און די ראָלע פון דער קונסט גופא ווערט פאַרמינערט, ווייל אַ מלחמה נויטיקט זיך מער אין טעכניק איידער אין קונסט: קיין „געשניצטע גאָלדענע פינגערלעך" דאַרף מען אויפן מאָמענט ניט האָבן, אויף לירישע לידער קוקט מען קרום, און „נייטראַלע" ווערק: ליבע, אשטייגער; קראַנקהייט, אשטיי־גער; טויט, אשטייגער; אַלע אינטערעסן פון יחידישן לעבן — זענען אונטערן חשד פון פאַרבאָרגענער רעאַקציע, פון דער כונה צו פאַרשלעפערן דאָס רעוואָלוציאָנערע געמיט, א. אז. וו. עס ווערט, קולי קולות, געפאָדערט פון דער ליטעראַטור, אַז זי זאָל „העלפן דעם פראָלעטאַריאַט געווינען זיין קאַמף". נו, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער כבוד פון זיין אַ באַראַבאַנ־שטשיק ביי דער רעוואָלוציע, קאָן דער קינסטלער וואָס וויל האַלטן זיינע אויגן אָפן צו דער וועלט זיך דערמיט ניט באַנוגענען, און ער האָט פאַר זיך אַ זייער קאָמפּליצירטע פּראָ־בלעם וויאַזוי צו קאָמבינירן דיביידע עלעמענטן. נאָכמער: די גרויסע אויפגאַבע פון דער פּאָעזיע און דער קונסט גראָד אין אונדזער צייט איז — צו ברייגגען אין האַרמאָניע דאָס לעבנסגעפיל פונם יחיד מיט די עלעמענטאַלע, סטיכישע ברויזונגען אין דער געזעלשאַפט אויף אַזאַ מין אופן, אַז דער יחיד זאָל זיך ניט פילן אָפּגענאַרט און באַרויבט פון זיין

שרייבער אין חדר

חלק אין לעבן, ווייל פאַרן יחיד ליגט די לעצטע און גאַנצע באַרעכטיקונג פון דער געזעלשאַפט אין דעם לעבן פון די יחידים. דאָס פאַרדרענגען דעם יחיד צום הינטערגרונט פון דער ארענע איז דעריבער אומגינסטיק פאַר די וויכטיקסטע פונקציעס פון דער ליטעראַטור.

דאָס אַלץ האָט געפירט דערצו, אַז די ביזאהעריקע דער־פאָלגן פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור גייען מער אין דער ברייט ווי אין דער טיף. טראָגן גיכער אַ פּאָליטישן כאַראַקטער איידער אַ קינסטלערישן.—

4.

גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע פון דער ליטעראַטור אין סאָ־וועטנפאַרבאַנד וואו די אָפענע סאָציאַלע מלחמה איז גע־וואונען און דער שונא ליגט אין די לעכער. דער ארבעטער־קלאַס איז באַלעבאָס, און דאָס האָט דערמעגלעכט אַ שטאַרקן אויפשוואונג פון אַ ליטעראַטור וואָס נעמט אַלץ מער אָן אַ פּראָלעטאַריש פּנים, — איך האָב אינזינען ניט בלויז און ניט דאווקע די אָפיציעלע פּראָלעטישע קרייזן. דער אַר־בעטסמענטש, פון זיין זייט, ווערט אַלץ אנטוויקלטער און קולטורעלער — און דעריבער פייאיקער אויפצונעמען קאָמפּ־ליצירטערע ליטעראַרישע שאַפונגען אויך פון דער עלטערער ליטעראַטור. אינטערעסאַנט זענען די אידייאישע אנטוויק־לונגען אין דער ליטעראַטור־קריטיק וואָס ווערן כאַראַקטערי־זירט מיט דער קאָנצעפּציע „סאָציאַליסטישער רעאַליזם” — צום אונטערשייד פונם אלטן רעאַליזם וואָס קאָן אנגערופן

ווערן „פאַטאַליסטישער”, צוליב זיין סטאַטישן באַנעמען די וועלט און די „אייביקע” מענטשלעכע נאַטור, בעת סאָצ־רעאַליזם בויט אויף דער הנחה פון אַ דינאַמישער וועלט וואָס האַלט אין איין ענדערן זיך. אָבער רעאַליזם איז רעאַליזם און זיין תוך איז דער „אמת”, דאָס הייסט, דאָס לעבן ווי עס איז און מענטשן ווי זיי זענען. דאָס איז ניט זייער צופרידנ־שטעלנדיק פאַר אַ סביבה וואָס לעבט מיט די אימפּולסן פון פיבערישן בויען אַ נייע וועלט — און אַ נייע טעאָריע איז געבוירן געוואָרן, ווי אַ דערגאַנצונג צום סאָצרעאַליזם: „רעװאָלוציאָנערער ראָמאַנטיזם”. די מעגלעכע ווירקונג פון אָט־דער לעצטער שיטה אויף דער ליטעראַטור שיינט מיר פער־זענלעך צו זיין פון צווייפלהאַפטן ווערט. —

איך האָב שוין געזאָגט, אַז איך געפין ניט פאַר מעגלעך צו ריידן קאַטעגאָריש. דאָס אויבנגעבראַכטע איז ניט־זייער־סיסטעמאַטיזירטע טראַכטונגען וועגן די וויכטיקסטע פּראָב־לעמען וואָס פאַרנעמען דעם געדאַנק פונם קינסטלער פון וואָרט אין אונדזער צייט.

5.

חברים פון פּראָלעטפּען:

איר האָט מיך ביזאַהער ניט געזען אין אייערע רייען הויפּט־זעכלעך צוליב דעם, וואָס מיינע געדאַנקען און אייערע גע־דאַנקען גייען זיך פאַנאַנדער אין געוויסע פּונקטן. פאַנאַנ־דערגעגאַנגענע געדאַנקען קאָנען זיך אפשר צוזאַמענגיין —

שרייבער אין חדר

אויב מ׳לופּטערט זיי דורך, אויב מ׳דרעשט זיי אוים. עס האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט, אַז איַער פרעסע האָט פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר געגעבן אויסדרוק בלויז צו דער אָפּי־ציעלער שטעלונג אין אַלע וויכטיקע פראַגן. איז דאָס געווען גוט אַזוי אָדער ניטגוט אַזוי? מ׳קאָן אָננעמען, אַז דאָס איז ניט געווען אינגאַנצן גוט, א סימן — דער פּראָלעטפּען זוכט איצטער צו שאַפן א פּלאַטפּאָרמע פון וועלכער עס זאָלן קאָנען ריידן אויך יענע מענטשן, וואָס שטימען ניט אויף אַלע פּונקטן מיט דער אָפיציעלער שטעלונג. איך וויל דאָ אָנווייזן, אַז דער פּראָלעטפּען האָט, אין זיין „אַרויסרוף״, נישטריכטיק אָפּגעשאַצט די לאַגע און נישטריכטיק איבערגעגעבן די פאַקטן. דער „אַרויסרוף״ דערציילט וועגן עפּעס א ווענדונג אויף לינקס וואָס מערקט זיך יאָקבי לעצטנס ביי געוויסע אידישע שרייבער — א מין אפשפּיגלונג פון דעם, וואָס עס קומט פאָר ביי די אַמעריקאַנער „אינטעלעקטואַלן״. איך מוז זאָגן, אַז איך זע ניט אַרום זיך אַזא פּלוצלינגן קער אויף לינקס. אַז די לינקשאַפט צווישן די אידישע שרייבער, אויף וויפל זי איז פאַראַן, עקזיסטירט זי שוין פון לאַנג, און איך מאַך אייך דעם פאָרוואורף, אַז איר האָט ניט געוואוסט ווי זי אויסצונוצן. דער „אַרויסרוף״ רופט אָן בלויז צוויי נעמען, און וועגן די קאָן איך ריידן מיט זיכערקייט. עס איז שוין אַ מעשה פון יאָרן אַז פּרץ הירשביין טרעט אַרויס אין דער עפנטלעכקייט, מינדלעך און שריפטלעך, פאַרן סאָוועטנ־פאַרבאַנד און כמעט פאַר אַלץ וואָס דאָרט קומט פאָר, מיט ליבשאַפט און רעספּעקט. וואָס איז שייך צו מיין אייגענער לינקשאַפט, אָט אַזעלכע ווי זי איז, דאַטירט זי בוכשטעב־לעך פונם ערשטן טאָג פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש,

וואָס דאָס מוז מיינען, אַז אָנגאַבן זענען ביי מיר געווען פֿון פֿריער; און אויב אין איר, אין דער „לינקשאַפֿט" מיינער, זענען פֿאָרגעקומען אַוועלכע עס איז אַנטוויקלונגען, זענען זיי געלאָפֿן פּאַראַלעל און זייער נאָענט צו די אַנטוויקלונגען אין דער באַוועגונג גופֿא. אייער „אַרויסרוף" וואָלט דעריבער געטראָגן אַ פּאַסיקערן נאָמען ווען ער רופֿט זיך פּשוט „איינלאַדונג" און ווען ער רעדט ניט אינם טאָן פֿון מענטשן וואָס זענען באַרופֿן מדריך צו זיין אַנדערע און האָבן גאָרניט וואָס צו לערנען פֿון די וועמען זיי רופֿן.

וואָס די פּונקטן פֿון ניטאייַנשטימונג צווישן אונדז זענען וועל איך דאָ ניט באַרירן. וועגן זיי וועט מיר מסתמא אויסקומען צו ריידן אין „סיגנאַל" — אויב מיר וועט אויסקומען צו ריידן אין „סיגנאַל". איך מוז דאָ אָבער זאָגן, אַז אין דעם סאַמע וויכטיקסטן פּונקט זענען קיין מיינונגספֿאַרשיידנקייטן ביי אונדז נישטאָ. דער וויכטיקסטער פּונקט איז: רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם. זיין טעכניק — פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור. זיין ענדציל — אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפֿט. אין דעם ליכט דאַרפֿן געשאַצט ווערן אַלע סאָציאַלע פֿראַגן, אָבער דאָס הייסט נאָך ניט אַז דאָס „ליכט" באַזייטיקט אַלע פֿראַגן. דעריבער דאַרפֿט איר ניט דערוואַרטן, אַז מענטשן וועלן קומען צון אייך מיט דער איינציקער כוונה „צוצולייגן אַ האַנט" צו אייערע אַרבעטן, ווי איר פֿאַרשטייט זיי: מענטשן האָבן אויך זייערע אויפֿגאַבן, וואָס מעגן זיין אויך אייערע. אויב דאָס ווערט קלאָר פֿון אייך פֿאַרשטאַנען, וועט, האָף איך, מעגלעך זיין צו אַרבעטן האַנט אין האַנט און אַקסל צו אַקסל. —

שרייבער אין חדר

.6

חברים פון דער „מאָרגן־פרייהייט":

עס זעט אויס, אַז ס'איז נויטיק נאָך אַ בריוו מיינער, כדי קלאָר צו מאַכן זאַכן פון מיין זע־ווינקל, און זאָל דאָס שוין זיין דער לעצטער.

איך האָב ניט געזאָגט, אַז די „אָפיציעלע שטעלונג" האָט ניט דערלאָזן קיין מיטאַרבעטערשאַפט, נאָר אַז דער פאַקט וואָס בלויז די אָפיציעלע שטעלונג האָט „געקראָגן אויסדרוק" איז עס געווען די שטערונג. איר מוזט דאָך פאַרשטיין, אַז פאַר מענטשן וואָס זענען ניט פרינציפּנלאָז איז אוממעגלעך מיט־צוגיין שווייגנדיק דאָרט וואו זיי זענען ניטאיינשטימיק און וואו זייער שווייגן קאָן אָנגענומען ווערן פאַר איינשטימיקייט, ווייל זיי געפינען זיך אין זייער אייגענעם לאַגער. איר מוזט דאָך פאַרשטיין, אַז פאַר שרייבער וואָס זענען ניט פרינציפּנ־לאָז איז אַ שלאָס אויפן מויל איבערהויפּט אַן אומדערטרעג־לעכע זאַך. איך מוז דאָ באַמערקן, אַז נישטגעקוקט אויף דעם געזאָגטן האָב איך פּערזענלעך, שטייענדיק דרויסן פון אייך, ניטאיינמאָל פרייוויליק גענומען אויף זיך אַ דיסציפּלין וואָס קיינער האָט אויף מיר ניט אַרויפגעלייגט. —

איר זאָגט, אַז ניט צו'ן „אייער אַרבעט" רופט איר שרייבער וואָס האַלטן זיך פאַר לינקע, נאָר צום קלאַסנקאַמף. ריכטיק. דער „אונדזער — אייער" איז דאָ אַרויסגעשפּרונגען צוליב דעם, וואָס פאַר אייך האָט דער קלאַסנקאַמף פּשוט אַראָפּגע־

שווינקט אידיש-נאַציאָנאַלע פראַגן, פאַר מיר — ניט. איר לאָזט ניט דורך קיין געלעגנהייט צו פאָרן דעם באַגריף „נאַציאָנאַליזם״ מיט „שאָוויניזם״, איך — פאַר זיי ניט. ממילא איז מיר אויסגעקומען צו שטעלן דעם טראָפּ — אַ טראָפּ — אויף אַ ווינקל פון עפנטלעכן לעבן וואָס איר האָט סימפּלי־פיצירט ביז צום פאַרשווינדן, בעת פאַר מיר איז עס אַ שווערע קאָמפּליקאַציע. —

איר זאָגט: אַ שרייבער דאַרף זיין אַ געזעלשאַפטלאַכער טוער. איך גלויב ניט אין אָטדעם אימפּעראַטיוו. שרייבעריי איז אַ שטריינגער אינטערעס וואָס פאַרלאַנגט דעם גאַנצן מענטשן — און מער. אַוואַדע מעג ער, אויב ער קאָן. אמת, פאַראַן מאָמענטן — מאָמענטן! — ווען ער מוז, און דעמלט דערפילט ער עס געוויינטלעך אליין און דעמלט קאָן ער. אָבער אויב און ווען ער קאָן ניט, איז עס ניטצוועקמעסיק אים צו שלעפּן פאַרן קאָלנער: ער וועט אָדער נישט גיין, אָדער מאַכן דערפון אַ קלאָגעדיקן „דזשאָב״. ניעקראַסאָוו האָט אַמאָל געשטעלט אָטדי פאָדערונג שאַרפער: „אַ פּאָעט מעגסטו אויך ניט זיין, אַ בירגער זיין ביזטו מחויב״. נו, ניעקראַסאָוו קאָן אויף דעם פּונקט ניט צופרידנגעשטעלט ווערן. „פּאָעזיע״ איז אַ שטריינגער אינטערעס, און דער דיכטער וועט זיין דיכטע־רישע פליכט ניט אַוועקגעבן פאַר כל הפליכטן אין דער וועלט.

אַגב: וועגן וועלכע שרייבער רעדט איר? פאַר פּובליציסטן און זשורנאַליסטן איז דאָס שטיין נאָענט צו די מעגלעכע קאַמפּן נויטיק און ניצלעך; פאַר פּאָעטן און בעלעטריסטן איז שוין דער עסק ניט אַזוי איינפאַך און ניט אַזוי זיכער:

שרייבער אין חדר

עס קאָן זיין גוט פאַר איינִיקע, און עס קאָן זיין שלעכט פאַר אַנדערע. איך האָב א חשד, אַז איר ווייסט עס אַליין זייער גוט, ווייל איר האָט געשאפן אַזאַ וואָרט ווי „קינסטלערישער רעפּאָרטאַזש". די מעשה איז, וואָס מיר האָבן דאָ צו טון מיט טונקלע, נאָך אַלץ ניטאויסגעפּאָרשטע כוחות וואָס זענען ניטאײנגאַנצן אונטער אונדזער קאָנטראָל. „קאָנקרעטער מאַ-טעריאַל" — אוואדע איז ער פאַרן שרייבער נויטיק, אָבער ווי נאָענט ער זאָל צוגיין צו'ן אים מוז איבערגעלאָזן ווערן צום שרייבער אַליין. —

און לסוף — דער הויפּטפּונקט. „אויב דער שרייבער איז אַ רעוואָלוציאָנער, מוז זיך עס אויסדריקן אין זיין שרייבן". דאָס איז אי ריכטיק, אי וויכטיק. אָבער ווידער די אייגענע מעשה: דאָס איז דעם שרייבער'ס אייגענע, לאַבאָראַטאָרישע פּראָבלעם, און יעדער שרייבער האָט זיך זיינע וועגן פון צוגאַנג צו דער פּראָבלעם און זיין אייגענע אָפּשאַצונג פון די דער-גרייכטע רעזולטאַטן. אנדערע קאָנען דאָ אפשר העלפן מיט גוטער, דורכדרינגלעכער קריטיק, אָבער אַ פּשוט'ע מאָנונג פון דרויסן קאָן קיין רעזולטאַטן ניט ברייננען. איר דערמאָנט דעם 12טן פּלענום. אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז עס דערזעלבער פּלענום וואָס האָט אפּגעשאַפט אָדער רעאָרגאַ-ניזירט דעם „ראַפּפּ" דערפאַר וואָס דער לעצטער האָט זיך אַליין אויפגעפּאַסט ווי אַן „אַדמיניסטראַטיוון איינס", אַנ-שטאַט ווי אַן אינסטיטוציע פאַר געגנזייטיקער אויפקלערונג — אָדער עפּעס אַזוינס. א מאָנונג פון דרויסן קאָן נאָך אפשר שאָדן ברייננען. אין דער פּראַקטיק האָט עס געפירט דערצו, אַז מ'האָט מערסטנס זיך פאַרנומען מיט שעלטן דעם בורזשווי

אין טאָטן אַריין און מיט הנפ׳ענען דעם אַרבעטער אָדער מיט סענטימענטאַל באַווײנען זיין שיקזאַל. אפשר דאַרף מען דאָס אויך, אָבער קיין פּאָעזיע און קיין קונסט איז עס ניט. דער פּסק־דין אַז „נייטראַלע" ווערק זענען שוין דערמיט שעדלעך וואָס זיי זענען נייטראַל האָט זיך אַרויסגעצייגט פאַר אַ צווייזייטיקן שווערד: אַרויסגערופן פון די נויטן פון דעם איצטיקן עטאַפּ אין דעם גאַנג פונם קלאַסנקאַמף, ספּעציעל דאָ אין אַמעריקע, האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם בורזשואַזן שרייבער אין אַ באַקוועמערער פּאָזיציע לגבי דעם פּראָלעטאַרישן און האָט אין איין וועגס באַרויבט דעם אַרבעטער פון דער גאַנצער קולטורעלער „ירושה". לאָמיר נאָר איבערטראַכטן — איז עס גוט אַזוי? —

פונדעסטוועגן, למען האמת, מוז איך מודה זיין, אַז לעצטנס לאָזן זיך מערקן באַדייטנדיקע דערפאָלגן צווישן די אינגערע שרייבער, סיי אין סאָוועטנפאַרבאַנד סיי ביי אונדז. עס זענען פּשוט צוגעקומען פרישע, יונגע טאַלאַנטן. מיטן עלטערן דור שרייבער איז עס ניט אַזוי. מיר, דער עלטערער דור, דאַרפן איצט אַריינדרינגען אין אַ טעריטאָריע וואָס איז פאַר אונדז ניי — אויב ניט שטייגעריש, איז קינסטלעריש. מיר האָבן דעם אַרבעטער עפּעס יאָ געזען און עפּעס ניט געזען: ער איז ניט געווען „אין פאָקוס פון אונדזער אויג" און האָט בלויז געהערט „צו דער לאַנדשאַפט". פון די עלטערע שרייבער ווייס איך בלויז איינעם וואָס האָט עפּעס אויפגעטון אין דער ריכטונג, נאָר אפילו וועגן אים מוז מען זאָגן: „פּענעק" איז אַ גרויס ווערק, נאָר דער מאַטעריאַל איז אין תוך בערגעלסאָנ׳ס אַלטער מאַטעריאַל, און די נייע פאַרב האָט ער —

שרייבער אין חדר

צוגעקויפט, און שמירנדיק האָט ער געליאַפּעט אביסעלע און געלאָזן פלעקן דאָ און דאָרט. —

וואָסזשע לאָזט אונדז דאָס אַלץ הערן?

אַז דער פּראָצעס איז אַ לאַנגזאַמער; אַז מ'דאַרף זיך ריכטן, אַז ער וועט זיך אַנטוויקלען פּאַמעלעך, צוזאַמען מיטן גאַנג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס אונטער דעם וואָרט פאַרשטיי איך ניטבלויז דעם אָפענעם צוזאַמענשטויס צווישן די קלאַסן, נאָר אויך דעם וואוקס און די אַנטוויקלונג פונם אַרבעטערקלאַס „ביז צום קלאַס וואָס רופט זיך מענטשהייט" (כאַריק) מיט זיינע טיפן און כאַראַקטערן; אַז אַזעלכע לאָזונ-גען ווי „מאַגניטאָבויען פון ליטעראַטור", אַריבערגעטראָגן אַהער פון אַ טעטיקייט וואָס די נשמה אירע איז באוואוסט-זיניקע טעכניק, צעטומלט אביסל די מוחות, ווייל ביי אונדזער אַרבעט וועט די יחידישע לאַבאָראַטאָריע אַלעמאָל שפּילן אַ גרויסע ראָלע. —

דילענסי סטריט.

אויף אַ ראָג פון דילענסי סטריט שטייט אַן אָפּגעריבענער איד, פּינטלט מיט רויטע, אָנגעשוואָלענע אויגנלעדלעך און שרייט: „ס־ס־ס־שיינקט אַ נדבה אַ בלינדן מאַן!”. אויף־און־אָפּ לויפן מענטשן, און אויך זיי זענען עפּעס אָפּגעריבענע, אָפּגעבליאַקירטע, מענטשן וואָס האָבן פאַרלוירן דעם גלאַנץ וואָס זיי האָבן אפשר געהאַט — אויף אַנדערע גאַסן. די דילענסי סטריט פון מיט־יאָרן־צוריק איז זומער שטויביק און ווינטער שמוציק און אַלעמאָל גרוי. וואָס קאָן זיין וואָכעדיקער פון דילענסי סטריט? —

די פּראָנטן פון די הייזער אויף דילענסי סטריט — אדרבא, דערמאָנט זיך: ווי זען־אויס די פּראָנטן פון די הייזער, אָדער וואָס פאַר אַ קאָליר האָבן זיי? איר קאָנט ניט. אינעווייניק זענען די קאָרידאָרן שמאָלע, די טרעפּ הויכע און פינצטערע, די חדרים אויסגעשפּאַלירט אין גרויע שטייענדיקע שטרייפן אָדער געפאַרבט אין אַ טונקעלן, גיפטיקן גרין, און דאָס האָלצווארג איז וואַנצנקאָליר. און וואוינען וואוינט אין די חדרים, זאָגן מיר, מיסעס טוירק וואָס רעדט אַ גאַליציאַנער ענגליש, קוקט צו יענעם אין טעפּל און ווייסט אַז אין אַמע־ריקע איז „ליידים פוירסט”. וואָס קאָנט איר וועלן פונם לעבן אויף דילענסי סטריט, אויסער אַנטלויפן פון דעם — פאַרגעסן וועגן דעם? —

וואָס זשע טוט א. ראַבאָי? נעמט ער אַרויס, אין „איז גע־קומען א איד קיין אַמעריקע”, צוויי פּופּציקיעריקע קינדער,

מאנים׳ן מיט זיין ווייב שבע׳ן, און שטעלט זיי אוועק גלייך אויף דילענסי סטריט.

אויפן „פעררי־שיף" — אויפן פאראָם, הייסט עס — פרעגט מאנים בא א אידן: וואָס זענען אָטדי הויכע טורעמס? — און אַז דער איד האָט אים דערקלערט, אַז דאָס איז „נעווראָק", האָט מאנים באַמערקט מיט אַ שמייכל: „און איך האָב גע־מיינט ווער־ווייסט־וואָס . . ." — אויך האָט איר געהערט, אַז דאָס מאָגערע פערדל וואָס האָט געפירט דאָס פאָרפאָלק אין שטאָט אריין איז מאנים׳ן פאָרגעקומען „קענטלעך" — ער וואָלט געמעגט שווערן ער האָט עס שוין ערגעץ געזען. איז ווי זשע קאָנט איר לאָזן אָטדי צוויי עופ׳עלעך אָט־אַזוי־אָ, אויף גאָט׳ס באַראָט? פאַרהאַלט איר זיך מיט זיי אַ ווײַלע אויף דילענסי סטריט. איר ווילט זען וואָס מיט זיי וועט זיין. —

עס קומען מיט זיי ניט פאָר קיין אויסערגעוויינלעכע זאַכן: זיי פאַסן זיך צו צום היגן לעבן. זיי מוזן אָנהויבן פון סאַמע אָנהויב, פון דער אנטדעקונג אַז אין אַמעריקע באַלייכט מען הייזער ניט מיט קעראָסין־לאָמפּן, נאָר מיט עפּעס אַ גאַר־נישט וואָס מ׳צאַפּט פון דער וואַנט, שטינקען שטינקט עס און אַז מ׳טראָגט־אונטער אַ שוועבעלע ברענט עס. מ׳אַנט־דעקט די קאַץ ביים שפּייזקרעמער אין פענצטער, דעם היל־צערנעם אינדיאַנער ביי דער טיר פון טאַבאַק־געשעפט, די אַמעריקאַנער קלויז, דעם העמדער־שאָפּ, דאָס גאַנצע לעבן וואָס ווערט געלעבט אין דער אַמעריקע וואָס איז דילענסי סטריט מיט די ארומיקע גאַסן. דער פּראָצעס איז אַ פּיינ־לעכער, אַ לאַנגזאַמער, אָבער קיין טראַגעדיע איז עס נישט.

שרייבער אין חדר

פאַרוואָס? ווייל דאָס פאָרפאָלק אַקצעפּטירט „אַמעריקע״, זיי נעמען זי אַריין אין זיך, נאָר זיי ווערן אין איר ניט אויפגעלייזט. אין די פריע יאָרן פון דער אימיגראַציע זענען געווען זייער פיל מענטשן, ספּעציעל עלטערע מענטשן, וואָס זענען געקומען אַהער פאַרמירטע, פאַרשטייפטע, און יענע האָט דאָס לעבן דאָ געבראַכן אָן רחמנות. אַנדערע ווידער, דער גרעסטער טייל, האָבן זיך „אַמעריקאַניזירט״ פאַרס־מעסיק שנעל, פון די ערשטע צוויי־דריי טאָג. אין מאַנים׳ן מיט שבע׳ן זיצט עפּעס אַ קינדישקייט וואָס דערלויבט זיי אויפנעמען נייע פאָרמען פון לעבן מיט נאַאיוון וואונדער, נאָר אָן פאַרביטערטקייט. און אַזוי ווי די קינדישקייט איז פאָרט אַ פּופּציקיעריקע, בלייבן זיי אין תוך דאָס וואָס זיי זענען געווען.

בינו לבינו האָט איר פאַרגעסן, אַז די לענסי סטריט איז אייך לאַנגווייליק און אומאינטערעסאַנט, און איר טראַכט זיך: וואו זענען געווען מיינע אויגן? ווייל איר לייענט וועגן זאַכן וואָס זענען אייך טויזנט מאָל באַקאַנט, נאָר בײַ ראַבאָי׳ן קומען זיי אַרויס באַלויכטן מיט עפּעס אַזאַ זילבערנעם שימער, און איר דערקענט זיי ניט. אַ סך פון די איינצלהייטן זענען העסלעך און זלידניש, נאָר אַוועקרייסן זיך פונם בוך קאָנט איר פונדעסטוועגן ניט. דאָס געשלעג און דער משפּט מיט דער מיסעם טוירק ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גאַנצער איבערלעבונג; אַ פּראָזאַאישע מעשה וועגן אַ הויז־אויפזעער וואָס „קריכט״ צו אַ ווייבל איז גאָר, לאָזט זיך אויס, אַ טיפער, וואונדערלעך איידל־געצייכנטער ראָמאַן. אָדער איר ווילט אפשר הערן אַ שטיקל אידישע „עראָטיק״? אָט הערט:

„אין שטוב איז באַלד געוואָרן פינצטער. מאַנים האָט גע־לייענט „קריאַת־שמע" און שבע האָט אויך שטילערהייד געטון דאָס אייגענע. דערנאָך האָבן זיי צווישן זיך נאָך שטילערהייד גערעדט. שבע האָט שטיל, קוויטשיק־פרום געלאַכט, און מאַנים האָט איר געהייסן שווייגן מיט נאָך אַ שטילערער שטים". —

„איז געקומען אַ איד קיין אַמעריקע" איז דאָס וויכטיקסטע ווערק ראַבאָי'ס. פאַראַן ביי אים שיינע זאַכן וועגן דעם לעבן אינם צפון־מערב, נאָר זיי נעמען אונדז הויפּטזעכלעך מיט זייער פרעמדקייט און נייקייט. וואָס איז שייך צו די לעצטערע פון יענע זאַכן מוז איך זאָגן, אַז די קאַלדוועלס מיט די ווילי־אַמסעס אינטערעסירן מיך ניט פיל. דער אָגער מיט זיינע שקאַפּעס — אויך ניט. כ'וואָלט זיי געקאָנט אויפנעמען ווי אַ דעטאַל ערגעצוואו, פאַרבייגייענדיק, אָבער פ אַ ר זיך גייען זיי מיך ווייניק אָן. דילענסי סטריט — איז שוין גאָר אַן אַנדער זאַך. דאָס איז אונדזער אַמעריקע, דאָס איז מיר. ד אָ ס וויַיזן אונדז אַזוי ווי עס וויַיזט עס ראַבאָי איז גרויסע ליטעראַטור און גרויסע קונסט.

מאַנים אַקצעפּטירט אַמעריקע אין אַ סאָרט שותפות וואו מ'נעמט און מ'גיט: ע ר ש ר י י ב ט אַ ס פ ר פ אַ ר אַ מ ע ר י ק ע. אַ מין שולחן־ערוך אַ נייעם, וואָס זאָל „זיין צוגעפּאַסט צום לאַנד". ער געפינט אויך וואָס צו נעמען דאָהי פאַר זיין ספר, למשל — דער „מנהג איבערצורייסן די אַרבעט אויף אַ שעה מיטאָגצייט און געבן די מענטשן אַ מעגלעכקייט אָפּצורעכטן". דאָס מיינט, אַז מאַנים איז געקומען אַהער ניט

אויף קאַטאָוועס. ער ווייסט ניט, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פלייסט ער זיך דאָ צו פאַרזייען קערנער פון אַן אייגענער, אידיש־אַמעריקאַנישער, „קולטור"—ער האָט אפילו פונם וואָרט ניט געהערט. און עס מאַכט ניט אויס וואָס אין אַ מרה־שהורה'דיקער מינוט זאָגט ער נביאות, אַז אידן וועלן זיך דאָ אויס'שמדן—ער גלויבט אַליין ניט אין דידאַזיקע רייד זיינע; איך האָט דערויף אַ גוטן עדות, שבע'ן, וועלכע באַמערקט אויף זיין נביאות: „הערט אים נישט, ווי ער וויל אַזוי רעדט ער. אַז ער וויל, שרייבט ער שוין אַ שולחן־ערוך מיט דינים פאַר אַמעריקע, און אַז ער וויל, איז דאָ גאָרנישט נישטאָ". מיר האָבן אַ קימאַ־לן, אַז וואָס שבע גלויבט נישט גלויבט מאַנים אויך ניט.

שרייבן אַ ספר איז, ווי עס איז באַקאַנט צו יודעי חן, נישט פון די גרינגע זאַכן, און עס איז פּאַטעטיש צו זען ווי מאַנים האָט חבלי יצירה ווען „עס גייט אים עפּעס ניט". און ער האָט אויך אין זיך אַ שפור פון פאַרבאָרגענער אויטאָרשער אייגנליבע. נאָכדעם ווי שבע האָט זיך אויסגערעדט פאַר עמיצן אַז ער שרייבט אַ שולחן־ערוך, קומט צווישן זיי ביידן פאַר אַזאַ מין געשפּרעך:

— פאַרוואָס דערציילסטו מיינע סודות?
— וואָס פאַר אַ סודות? — פאַרשטייט ניט שבע.
— מיט מיין שולחן־ערוך . . .
— פונוואַנען ווייס איך אַז עס איז אַ סוד?
— זאָלסטו וויסן אַז עס איז אַ סוד.
— אַ סוד . . .

— יאָ.

— פֿאַר וועמען האָסטו מורא?

— פֿאַר קיינעם נישט. אַט אַזוי, עס איז אַ סוד.

— אויב אַ סוד, וועל איך וויסן פֿון היינט אָן.

— זאָלסטו וויסן, — וואָרנט זי מאַנים מיט אַ פֿינגער.

וואָס איז שייך דער קונסט — וויאַזוי ראַבאַי דערגרייכט זיינע רעזולטאַטן הויב איך ניט אָן צו פֿאַרשטיין. ריידן רעדט ער זייער פּשוט. בלויז אין איין שטעל אָדער צוויי — ווי אין קאַפּיטל „גלי, זון, גלי" — הייבט ער אַביסל אויף זיין שטים. די דעטאַלן זיינע זענען וואָכעדיק, באַקאַנט, אפֿילו טריוויאַל. איך זע נישט קיין ספּעציעלע מיטלען, קיין שום קינסטלעריש קלאַפּערגעצייג. עפּעס אַ כּישוף אַזאַ, רחמנא ליצלן; אַלכעמיע. איך ווייס נאָר איין זאַך: אַז איך פֿאַרמאַך דאָס בוך, איז מיר ווייך אויפֿן האַרצן און עס שמייכלט זיך מיר. איך טראַכט: כ'ווייס? . . . אפֿשר איז גאָרניט אַזוי שלעכט צו לעבן אויף דער וועלט. —

שרייבער אין חדר

יעקב גלאַטשטיינ׳ס „קרעדאָס״.

קרעדאָס? גיכער נאָך-קרעדאָס. לייקענונגען. לעסטערונגען אפילו. אַ טרויעריק בוך.

אַ סך פון די לידער פאַרשטיי איך ניט. עפּעס רעטענישן! ווער וויל זיך עס ברעכן דעם קאָפּ? ס׳אזוי אויך שווער צו לעבן אויף דער וועלט.

צום סוף קומט אַ גרעסערע זאַך: „דער באַראָן דערציילט זיין לעצטע דערפאַרונג״. אַ באַראָן גאָר! אין מ י י ן דער־פאַרונג האָב איך קיין באַראָנען ניט אָנגעטראָפן. וויאזוי, אייגנטלעך, דערקענט מען אַ באַראָן ווען מ׳זעט אים אין גאַס?

צופיל חכמה אין דעם דאָזיקן בוך—און סנאָביזם. עס רייסט זיך ביי מיר אַרויס אַ תחנונים׳דיקע פראַזע פון טורגעניעוון — אָדער איז עס פון טשעכאָוון? — : „רעד נישט אַזוי שיין, סערגעי פעטראָוויטש!״ —

באַזונדערס ציניש לעסטערט גלאַטשטיין ליבע. עס מאַכט נישט אויס וואָס ער זאָגט עס נישט מיט ווערטער. עס מאַכט נישט, וואָס עס כאַפּן זיך ביי אים אַרויס אַ פּאָר צערטלעכע שורות:

> אייל זיך ניט, ליבסטע, אין מאַרק.
> גיב מיר אַ קוש,
> וועט עס דיר פאַררעכנט ווערן
> פאַר א מאָרגנטפילע.

ער דערגרייכט עס דורך גראַבקייטן און אומנויטיקע אָפּנ־קייטן וועגן דברים שבצינעא.

דער פּוריטאַנער פון איין זייט, דער ציניקער פון דער צווייטער — ביידע פּלייסן זיי זיך צו פאַר'מיאוסן די געשלעכטלעכע ליבע, וואָס ליגט אויף דער סאַמע גרעניץ צווישן אונדזער פיזיאָלאָגישן און פּסיכישן לעבן. פונוואַנען אַזאַ שנאה צו דער וויכטיקסטער פונקציע פונם לעבעדיקן גוף? פאַרוואָס אַזאַ אומדאַנקבאַרקייט פאַר דער געטלעכער מתנה? אויב פאַר אייך איז וויכטיק דער מין — ווי קאָנט איר פאַרהאַסן די וועגן פון פאָרטפלאַנצונג? אויב איר זענט פאַראינטערע־סירט אינם קורצן לעבן פונם יחיד — ווייסט איר פון אַ שטאַרקערן קוואַל פון דער פרייד פון לעבן? קענט איר עפּעס אַנדערש וואָס פאַרמאָגט אַזאַ כישוף'דיקע קראַפט צו „פאַרבן די וואָר אין רויט און בלוי"?

אַ שטאַרקע האַנט האָט געמאָלן דאָס בילד: „שיני מייק". דאָ האָבן מיר, אין פיראונזיבעציק שורות, אַ הייגטיקע, צאַפּל־דיקע, נויאָרקישע באַלאַדע, אפילו מיט זייטיקע פאַרשווינען און פאַרביקע דעטאַלן:

פאַריאָסעמטע יונגען שטייען ביי די ראָגן
און קנייטשן ציגאַרעטלעך מיט ציטערדיקע, דינע פינגער.
שטייט אַ יונג ביים ראָג מיט דעם קאַפּעלישל אָן אַ זייט
און שפּייט ווייט אַ דינעם שפּיי.
אויפן ברונעם פון טרערן ליגט אַ האַרטער, שווערער שטיין,

שרייבער אין חדר

אָבער ער ווייסט, אַז שיני מייק שלאָפט איצט
אין אַ בראָנזענעם אָרן.

די פּאָעמע „שיני מייק" איז אַליין ווי אַ קריצונג אויף אַ בראָנזענעם טאָוול.

דאָס ליד איז אַ גוטע אילוסטראַציע פון דעם, ווי ווייט די מאָדערנע פּאָעזיע האָט זיך דערנענטערט צו פּראָזע — איך מיין, צו דער בעסטער פּראָזע — אין אירע וועגן און מיטלען, אין דעם אַפילו צום אויג מער ווי צום אויער. היינט מאָלט מען און מ'שניצט: זינגען זינגט מען ווייניקער, און מ'פאַרלאָזט זיך מער אויפן אינערלעכן ריטם ווי אויפן אויסערלעכן. —

„סאַקאָ און וואַנזעטי'ס מאַנטיק" איז ווייכער, לירישער. דער אָבזיכטלעכער נעפּל איז צייטנווייז צו־געדיכט פאַרן לייענער. אָבער די גאַנצע זאַך איז אַן איבערלעבונג — וואָס קונסט און פּאָעזיע שטרעבן צו זיין.

און „פון אונדזער יאָר" — און „בערנאַרד לואיס" — און „דאָרט וואו די צעדער" — און „אידישע מעלוכעס" — ניין, לייענט, לייענט! און אָט איז אַן איינציקע שורה, די לעצטע פון „מאַנאַטאַן":

גאָט איז טרויעריק און אַלט. — . . .

וועגן שרייבערשע זאַכן.

(דער פּשוט'ער לייענער ווערט געוואָרנט אַהער ניט אַריינ־צוקוקן.)

כ'וואָלט וועלן באַרואיקן מיינע חברים שרייבער זיי זאָלן זיך ניט שרעקן פאַר „גלאַטשטיינ'ס נייער ווענדונג". ס'איז גאָרניט.

פאַר אַלעם באַשטייט די נייקייט פון דער ווענדונג דערין וואָס זי איז ניט ניי. אונדזער שפּראַך אַליין, אידיש, ווייסט די מעגלעכקייטן פון עקספּערימענטירונג מיטן וואָרט ווי דיכטערישער מאַטעריאַל: שניידורעס אַנשטאָט שניידערס, שוסטאַרעס פאַר שוסטערס, ליבע־שמיבע און ענלעכע פאַר־מאַציעס אנטהאַלטן אַ וועלט מיט סוגעסטיעס און אַנצוהערע־נישן פאַר ספּעציעלע צוועקן. די נייקייט ליגט דאָ הויפּט־זעכלעך אין נעמען און אַנשרייבן אַ גאַנץ ווערק מיטן לשון פון „בייבי גיין סיאָפּן" — האָט עס טאַקע דעם זיבעטן חן.

אין דעם לעצטן אַפּוזאַץ האָב איך פאַרגעסן אריינצושטעלן געענדזנפּיסלעך וואו נויטיק איז, האָב איך מורא אַז דער לייענער וועט זיך ניט כאַפּן וואו איך ציטיר קאָלעגע א. לעיעלעס און וואו עס קומט־אַריין מיין אייגענער שמעק־טאַבאַק. —

אין מיין רעצענזיע איבער גלאַטשטיינ'ס „קרעדאָס", אין „וואָך" נומער 2, האָב איך זיך אויסגערעדט אַ נאַרישקייט: אַז די מאָדערנע פּאָעזיע פאַרלאָזט זיך ווייניקער אויף דער

אויסערלעכער מוזיקאַלישקייט ווי אויפֿן אינערלעכן ריטם, פּונקט אַזוי ווי עס טוט עס גוטע פּראָזע. וואָס זשע טוט גלאַטשטיין? נעמט ער און הויבט־אָן צו שרייבן, ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט, אַזעלכע „דזשינגלס”, אַז עס קלינגט ווי אַ צימבל — נאַ דיר, און וויים. אָבער צימבלען צימבלט גלאַטשטיין אַלץ איבער הויכע ענינים. אַז ער דאַרף, למשל, זאָגן מיר, אַז איך האָב אַ קאָפּ ווי אַ לאָקשנברעט—רעדט ער, נישקשה, עברי־טייטש. בכלל ציינט ער אַרוים גרויסע פּיי־איקייטן אין דער דעליקאַטער קונסט פֿון „דערלאַנגען איבערן קאָפּ”. דאָס איז זיך אַ געביט פֿ אַ ר זיך, און — מעג איך סוגעסטירן, אַז עס וואָלט כדאי געווען אים איבערצולאָזן פֿאַר מענטשן וואָס צייכענען זיך ניט אוים מיט קיין אַנדערע פּייאיקייטן? —

איך האָב פֿאַר אייך אַ בשורה: דער גראַם איז געקומען צוריק, ווי אַ זאַווערוכע אין די צווייטע טעג פּסח, און נעמט־אָפּ זיינס מיט אַ ווערך. איר פֿאַרשטייט אַ מעשה? אַ צוויי־דריי צענדלינג יאָר האָבן מיר געקעמפּט ווי די לייבן קעגן דעם גראַם, ווייל ער פּענטעט — עפּעס אַזוינס האָט ער מסתמא געפּענטעט; איצט זאָגט לעיעלעס, אַז צוליב דעם גראַם מעג מען זאָגן „וואַסאָרן” אָנשטאָט „וואַסערן” און „מאָנו־מאַנט” פֿאַר „מאָנומענט”, אבי עס זאָל זיך גראַמען, אַפּילו אין דער מיט, אַפּילו אין אָנהויב. אַפּילו די אַסאָנאַנץ — באַ מיר אין די אויגן האָט זי שטענדיק אויסגעזען ווי אַ געזונטער גראַם וואָס מ'האָט אים אונטערגעהאַקט אַ פֿוס — איז פֿאַר לעיעלעס'ן ניט גענוג. אָבער פֿאַרוואָס זיך אָפּשטעלן ביים וואָרט? פֿאַרוואָס ניט איבערדרייען דעם זאַץ, ווי מ'פּלעגט

טון אמאל? פארוואס נים גיין ווייטער און א זינג טון, ווי „די שפראך אליין" זינגט: „שיין בין איך געווען אזוי ווי רויטע פאנעל (פלאנעל), און היינט דארף איך טראגן דעם סאלדאטסקען שינעל!". — אז עקספערימענטירן זאל זיין עקספערימענטירט.

דער אמת איז, אז די ניעסטשאסטנע „גוטע פראזע" האט נים געווארט אויף קיין דערלויבעניש, און האט אלעמאל, ווען מ'האט געדארפט, געברויכט אי די אסאנאנץ, אי דעם גראם, אי אין מיטן, אי אין אנהויב — אבער אלץ ווען און וואו מ'האט געדארפט; ווען דערמיט איז דערגרייכט געווארן עפעס אזוינס וואס ליגט דרויסן פון הוילער אומישנעדיקער עקספערימענטאציע. —

מיין פריינט לעיעלעס איז אן אויפגערעגטער מענטש. אן איינציקווארט אין א פאסאזש פון אן ארטיקל אין דער „וואך" האט אים א „גרילץ" געטון אין די אויערן און האט צעמישט זיינע געדאנקען. ער האט דעריבער נים געכאפט דעם צוזאמענהאנג פון דעם „גרילציקן" ווארט מיטן ענין, און אויך האט ער נים באמערקט, אז דער פאסאזש דריקט־אוים, אין זינדיקער פראזע, גענוי דעמזעלבן געדאנק און דאסזעלבע געפיל וואס גלאטשטיינ'ס ׳ידל אזש „פון מאנוסקריפט ארוים", פון וועלכן לעיעלעס ווערט אזוי נתפעל. ביי גלאטשטיינען אליין, אין „דארט ווא די צעדער", ווערט די ליבשאפט צו אידיש בלויז סוגעסטירט — און דער־

שרייבער אין חדר

לאנגט טיפער ווי די „גינאַ־נינאַ׳ס״ פון זיין אַלגעקלאַנג־גערעדעריי. —

גלאַטשטיינ׳ס „ווען דזשאָיס וואָלט געשריבן אידיש״ לינדערט מיין שמאַרץ איבערן פאַקט וואָס דזשאָיס שרייבט נ י ט קיין אידיש. איך וויל דאָ אַרויסזאָגן מיין אַפּיקורסות אין באַצוג צום קינסטלערישן ווערט פון דזשאָיס׳עס אַפּיקורסותן. זיין ראָמאַן: „אַ ווערק אין ווערן״ האָב איך נים געזען, נאָר מיט זיין „יוליסעס״ בין איך באַקאַנט. אַז דזשאָיס איז זייער אַ טאַלאַנטירטער מענטש און אַן אינטערעסאַנטער פאַרשוין זוויים איך פון זיינע פריערדיקע ווערק, נאָר איך האַלט, אַז זיין עקספּערימענטאַטאָרישער אייפער פון די לעצטע יאָרן איז פאַרפירעריש.

ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר פופצן, האָב איך זיך אַרומ־געטראָגן מיטן געדאַנק צו באַשרייבן אַ טאָג פון אַ מענטשנס לעבן: פאַרנאָטירן אַלץ וואָס עס פאַסירט א ר ו ם א י ם, א י ן אים. דאָס אַליין, האָב איך געדענקט, וואָלט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גרויס ווערק. איך האָב אַ חשד, אַז יעדער שרייבער האָט זיך ווען־עס־איז אין זיין לעבן אַרומגעטראָגן מיט אַזוינע פּלענער — אַזוי עלעמענטאַר זענען זיי.

ווי איר זעט, איז עס גענוי דזשאָיס׳עס מעטאָד פון „שטראָם פון באַוואוסטזיין״. שפּעטער האָב איך איינגעזען, אַז עס טויג נים. די געשעענישן אין דער אָביעקטיווער ווירקלעכ־קייט זענען כאַאָטיש אין זייער קאָנגנזייטיקער פאַרהעלטניש, און אַ ווערק איז אַ רעזולטאַט פון אויסוואַל און אָרגאַניזאַציע.

פּשוט׳ער: קיין קונסטווערק אנטשטייען ניט אין דער נאַטור און אויך ניט אין „שטראָם פון באוואוסטזיין״ פון זיך אַליין; מ׳מוז זיי אָנשרייבן — אויסמאָלן — אויסקלעפּן — אויס־שפּילן. אחוץ דעם, אנטהאַלט אַזאַ פּאַרזוך אַן איינגעבוי־רענעם ווידערשפּרוך אין זיך גופא: עס איז אבסאָלוט אומ־מעגלעך אויפצוכאַפּן און פאַרצייכענען אַ ל ץ וואָס עס קומט־פאָר אין פאַרלויף אפילו פון אַ קורצער ווילע סיי דרויסן, סיי אינעווייניק; אַזוי אז אויב איר פּרובירט עס טון, וועט איר סייווי־סיי מוזן אָפּקלייבן מאָמענטן און זיי אָרגאַ־ניזירן, נישמער — נישט דער אָפּקלייב, נישט די אָרגאַני־זאַציע וועלן ניט זיין אינגאַנצן ביי אייך אין די הענט, און אַרויסקומען וועלן זיי צופעליק און לויז, פון אונטער אַן אומ־קלאָרן דראַנג און אַ נישט־אויסגעאַרבעטן פּלאַן. עס קומט־אויס, ווי איר וואָלט צו דער „אָביעקטיווער ווירקלעכקייט״ צוגעשטעלט אַ מין רעגיסטריר־מאַשין, וואָס איז נאָך דערצו אימפּערפעקט און ניט־סטאַביל. דער רעקאָרד וועט זיין אַ טיילווייזער און זיין ווערט, אין בעסטן פאַל, אַ וויסנשאַפט־לעכער. און: די צוועקן און מעטאָדן פון דער קונסט זענען פּונקט דער היפּך — איך זאָג: פּ ו נ ק ט ד ע ר ה י פּ ך! — פון די צוועקן און מעטאָדן פון דער וויסנשאַפט.

איז טאַקע „יוליסעס״ נישט קיין קונסטווערק, איז איבער־הויפּט נישט קיין ווערק, נאָר לאַבאָראַטאָרישער מאַטעריאַל. מיר קריגן יאָ אַרויס פון דאָרט מענטשן, נאָר דאָס איז א ו נ ד ז ע ר פאַרדינסט, ניט דזשאָיס׳עס: אונדז קומט־אויס צו האָרעווען ק ע ג ן זיינע טעכנישע קונצן און דעם איבער־פלוס פון דעטאַלן. דאָס איז פּונקט ווי מ׳וואָלט אונדז געוויזן

שרייבער אין הדר

דאָס פיזישע בילד פון אַ מענטשן אַזוי ווייט דעטאַליזירט, אַז מ׳זעט־אָן אַלע אָדערלעך, אַלע פאָרן, די טעקסטור פון זיין הויט. באַ אַזאַ סופּער־נאַטוראַליזם וואָלטן מיר געהאַט גרויסע שוועריקייטן אין סינטעטיזירן די צעשאָטענע פּינ־טעלעך אין אַ געשטאַלט אָדער אַ פּנים.

אָן אַ ר ב ע ט איז „יוליסעס״ אַ גרויסע — פאַר ענגלאַנד. דזשאָיס האָט דאָרט עובר געווען אויף אַלע לאַוון, אָפּגעשאַפט אַלע טאַבוס. אַלץ וואָס קומט־פאָר אין דער אויסווייניקסטער אָדער אינווייניקסטער וועלט איז מאַטעריאַל פאַרן קינסט־לער. אַלע פיזיאָלאָגישע פּראָצעסן, אַלע פּסיכישע פּראָצעסן, אַלע געדאַנקען, אַלע ו ו ע ר ט ע ר וואָס גייען דורך אַ מענטשנס קאָפּ. נישטאָ קיין פאַרבאָטענע אָדער מיאוסע באַגריפן אָדער אויסדרוקן. — זייער פיין. פאַרן ענגלאַנד וואָס איז נאָך ניט־אינגאַנצן אַרויס פון דער וויקטאָריאַנישער עפּאָכע, ווען דערמאָנען אַז אַ מענטש האָט געדערים האָט זיך גערעכנט פאַר ניטלייטיש — איז עס אַן אויפטו. אָבער אַנדערשוואו, און אַפילו אין ענגלאַנד פון די פריערדיקע יאָרהונדערטן, האָבן קינסטלער זיך קיינמאָל ניט געשראָקן פאַר טאַבוס, זינט מ׳האָט אנטקרוינט גאָט, דעם פאָטער פון אַלע טאַבוס, און נאָך אַסך פריער. די ביבל דערציילט אָפט אַזעלכע מעשׂות, און רעדט צומאָל מיט אַזאַ לשון, אַז די מלכה וויקטאָריאַ האָט זיך מסתמא ניטאיינמאָל אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ. געוועזן אַזאַ איד, יחזקאל בן בוזי האָט ער גע־הייסן; איז אַז ער איז אין כּעס געוואָרן אויף דער שטאָט ירושלים איז ער געווען ווייט ניט סאַלאָנפייאיק. און אין אונדזערע צייטן האָבן ניט די רוסישע ליטעראַטור, ניט

די אידישע זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט פאַר א וואָרט אָדער פאַר אַ „פאַקט פון לעבן"; און האָבן גערעדט אַזוי געלאַסן און עפּיש ווי די אַנאַטאָמיע אָדער די פיזיאָלאָגיע. ווען זיי האָבן געדאַרפט האָבן זיי באַרירט אַלץ. ו ו ע ן זיי ה אָ ב ן ג ע ד אַ ר פ ט — ניט אַלס אויפגאַבע פ אַ ר זיך. דזשאָיס האָט אויסגעריי ניקט די ענגלישע שטאַלן פון לייטישקייט. אַ געזעלשאַפטלעך-ניצלעכע אַרבעט. מיט דער קונסט האָט זי ווייניק-וואָס צו טון.

איז איצט, הייסט עס, עקספּערימענטירט דזשאָיס ווייטער, „מיטן וואָרט אַלס דיכטערישער מאַטעריאַל", און גלאַטשטיין גיט אונדז אַ וואַריאַנט אין אידיש.

אַ טשיקאַווער ענין, אָט די מאָדערנע עקספּערימענטאַציע אויפן געביט פון ליטעראַטור.

קודם כל: צו וואָס עקספּערימענטירן אין דער עפנטלעכקייט? פאַרוואָס ניט „זיך אויסשטאַמלען און אַריינקומען אַ גרייטער"? —

נאָר: עקספּערימענטירט מען שוין פאַר מיר, דעם לייענער, אין די אויגן, מוז עס דאָך מיינען, אַז איך בין דער פּוסק, איבערן דערפאָלג פונם עקספּערימענט. וואָס אנדערש קאָן עס מיינען? איז אַז איך געפין אַז: „נאַכט. נאַכט עגאַל און פאַר פע מן הימל בדולח אבדול אך" איז פּיזעם, זאָגט מען מיר אַז איך בין אן אייזל. —

שרייבער אין הדר

סעזאָן — זאָגט לעיעלעם — האָט פּרובירט טון דאָסזעלבע „מיט פאַרב אַליין". געהערט וועגן דעם. געהאַט גרוסן פון אַ ל ע קונסטן: מ'עקספּערימענטירט „מיטן קלאַנג גופא" אין דער מוזיק; „מיט ליכט און שאָטן", „מיט פאַרב און קאָליר" אין דער מאָלעריי; „מיט ליניעס און פלאַכן" אין דער סקולפּטור; „מיט פלאַכן, פיגורן און מאַסן" אין טעאַטער. איך פאַרשטיי זיך ווייניק אויף די אַנדערע קונסטן, נאָר על פּי אנאלאָגיע מיט דער וואָס איז מיר נאָענט בין איך חושד, אַז אומעטום קומט-פאָר דאָסזעלבע: דער מייסטער, דער ווירטואָז, רייסט זיך צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פונם שאַפער.

דער אמת איז, אַז יעדעס קונסטווערק איז סיי־ווי־סיי אַ רעזולטאַט פון אַ גאַנצער רייע „עקספּערימענטן": מאָלערישע, מוזיקאַלישע, סטיליסטישע, אַרכיטעקטאַנישע. אַ רעזולטאַט — ניט די עקספּערימענטן גופא: זיי בלייבן הינטערן ווערק. די אַרבעט פון אַן אומבאַהאָלפענעם „טאַלאַנט" פאַר־שאַפט אָפט פאַדראָס ביז איבלקייט; אָבער באַוואוסטזיניקע מייסטערשאַפט אָן זעאונגען איז סטאָליעריי און טויג בלויז אויף צו פּלאַדיען „שולעם".—

דער דערעסנסטער שטריך אין דעם מאָדערנעם קינסטלער איז זיין דראַנג צו געבן דער אויסערלעכער וועלט „זיך". ער באַנוגנט זיך ניט מיט מאַכן שיינע אָדער אינטערעסאַנטע זאַכן: ער שפּרינגט אייך אין פּנים אַריין — מיט התנצלות, מיט באַרימעריי, מיט בן־יחיד'ישע שטיק. און ער דערמאָנט אייך נאָכאַנאַנד, אַז דאָס גיט ער אייך — ווי זאָגט מען אין בראָדנע? — ז־זשיך.

איך האָב אַ חשד און אַ מורא, אַז אַט דער מלאך, דער לייענער, וועט ווען־עס־איז פאַרלירן די געדולד און וועט אונדז אַלעמען דערלאַנגען מיטן פּוס און אונדז אַוועקשיקן — איר ווייסט שוין וואוהין. —

איז ווי האָב איך געזאָגט? אַז די מאָדערנע גוטע פּראָזע און דיכטונג דערנענטערן זיך איינע צו דער צווייטער, און יעקב גלאַטשטיין האָט, דאַכט זיך, געקרימט אויף דעם מיט דער נאָז. און איצט, מיט אַ צענדלינג יאָר שפּעטער איז געקומען דערזעלבער תנא — יעקב גלאַטשטיין און האָט גע׳פּסקנ׳ט, אַז די הלכה איז אַזוי ווי איך. ער האָט עס ניט געזאָגט בהאי לישנא; ער האָט איבערהויפּט גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר גענומען און עס באַוויזן דורך צוויי ביכער אין פּראָזע: „ווען יאש איז געפאָרן" און „ווען יאש איז געקומען" וואָס זענען פאַנטאַסטיש און „אמת׳דיק" צו גלייכער צייט. וויאַזוי זשע קאָן דאָס געמאָלט זיין? איז דער ענטפער: אָט זעט איר דאָך! און עס איז גוטע, מחיה׳דיקע פּראָזע, וואָס קאָן קומען נאָר פון טיפער, אינערלעכער אמת׳דיקייט. שוין נישט קאַלט־לונגענדיקע עקספּערימענטאַציע מיטן הוילן קלאַנג, נאָר געלאָזן די שפּראַך ריידן און אפילו פּלאַפּלען — און בלויז פון־צייט־צו־צייט איר אָנגעטראָטן אויף אַ פינגער פון פּוס און אַרויסגעקוועטשט פון איר אַן אומגעריכטן קוויטש.

באַ אונדז, ברוך השם, שרייבן דאָך גאַנץ אָפט אפילו גרויסע שרייבער אַ שלעכטע פּראָזע. די מעשה איז, וואָס אַז אַ איד נעמט אַ פּען אין האַנט ווערט ער גלייך אָנגעלאָדן ווי אַ

ביקס און קאָן שוין קיין מענטשלעך וואָרט ניט ארויסריידן: עס קוקט־אויס ווי ער וואָלט שרייבן פון אַ בריוונשטעלער. איך האָב אַ חשד, אַז אַזאַ מענטש ווי יונה טרובניק, אַשטייגער, דער מחבר פון „בריוונשטעלערס״, האָט געהאַט אַ קינסטלערישן חוש פאַר דעם (אידישן) מענטשן בעת יענער דערפילט זיינע „אומנאַטירלעכע״ הצטרכותן . . . —

די גוטע פּראָזע איז ניט די איינציקע ענדערונג אין גלאַט־שטיינען. אויב איר ווילט, איז עס גאָר קיין ענדערונג נישט, נאָר פשוט די ווייטערע אנטוויקלונג פון אַ זוכנדיקן, וואַקסנ־דיקן שרייבער. געענדערט האָט זיך דאָ ניט־אַזוי די באַציאונג צו ליטעראַטור, ווי דער קוק אויפן לעבן. סימנים דערפון זענען געווען שוין אין אייניקע פון זיינע לידער, ווי, צום ביישפּיל, אין „נחמן בראַצלאַווער צו זיין סופר״, אָבער אין דידאָזיקע ביכער האָט ער געגעבן זיין ליריש געמיט אַ פרייע האַנט. עס דערמאָנט זיך מיר נאָכאַמאָל זיין שורה פון אַמאָל: „גאָט איז טרויעריק און אַלט״ . . . —

די פאַרשווינען אין די ביכער ריידן אַלע קלוג און מיטן זעלבן לשון. עס איז פשוט: זיי זענען ניטאַזוי פאַרשווינען ווי געמיט־צושטאַנדן פון אַ מענטשן. און כאָטש גלאַטשטיין שטופּט אייך דאָ ניט נאָכאַנאַנד זיין „איך״ אין פּנים אַריין, איז ער דאָ און אנוועזנדיק אין זיי אַלעמען.

וואָס דאָס איז ווי עס דאַרף צו זיין. —

משה נאדיר.

א.—ראקעטן.

. . . און משה נאדיר האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די, וואָס האָבן אין זייער בלינדן, מאניאַקאַלישן לויף אַרי־בערגעטראָטן אַלע געזעצן: ביז צום באַגריסן די פּאַלעסטי־נער פּאָגראָמען, אָדער — זאָל זיין — דעם אַראַבישן אויפשטאַנד אין זיין פּאָגראָם־פּאַזע.—

. . . צווייפלט נאָך וועד דערין, אַז משה נאדיר איז א זעלטענע דערשיינונג אין אונדזער ליטעראַטור? אַ נאָכאַנאַנדיקער פּאָנ־טאַן. אַן אומדערשעפּלעכע באַטאַרייע פון פייערווערק און רעגנבויגנדיקע קאָלירן.

אַ שאָד נאָר, וואָס דער פאַנטאַן שיסט אַזוי אָפט מיט בלאָטע. און ווי קאָן איינער זען זאַכן איז זייער אמת׳דיקן ליכט, אַז ער ווערט פאַרבלענדט פון זיינע אייגענע ראַקעטן?

„צער־וואקכאנאליע”. . .

דער קונדס, דער אייביקער שטיפער, האָט זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטן פון אַזאַ פינקלדיקן שפּאַס. —

. . . פאַראַן זאַכן וואָס מענטשן קאָנען נאָך אַלץ ניט פאַר־טראָגן.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אויף ביידע זייטן,

שרייבער אין חדר

אויף אַלע שלאַכטפעלדער, געפאַלן אידן — קיינער ווייסט ניט וויפל. האָט דאָס אַרויסגערופן אַ „צער־וואקכאנאליע"? ניין. דער אומפאַרדינטער גירוש פון די גרעניץ־שטעט, די פּאָגראָמען אויף דער שוצלאָזער באפעלקערונג — די האָבן אויפגערודערט די אידישע וועלט.

אין דער רעוואָלוציע זענען אַ סך מענטשן געפאַלן ביי די באַריקאַדן, אָדער אין אָפענעם פעלד. מ'האָט זיך ניט גע־זעצט וויינען: דאָס אַלץ גייט אַריין אינם שפּיל — אינם קלאָגעדיקן מענטשלעכן שפּיל. אָבער אייניקע פון די ג ע־ ש מ י ס ע נ ע אַרעסטאַנטן אין סיביר האָבן ניט אויסגעהאַלטן און זיך גענומען דאָס לעבן. דאָסזעלבע האָט געטון אַ אידי־שער יונגערמאַן אין פּאַלעסטינע מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען אַראַבער — מסתמא פון די שפּעטערדיקע העלדישע חברונ'ער אויפשטענדלער — האָבן אים קאַסטרירט. פאַר־וואָס?

פאַראַן זאַכן וואָס מענטשן קאָנען נאָך אַלץ ניט פאַרטראָגן.

אַן אַלטער איד — אָה, אַ יאַרמעלקע־איד! — אין די גוטע הענט פון יונגע שקצים: — זאָגט עפּעס אַ פינקלדיק וואָרט דערצו, משה נאדיר! —

. . . ס'איז אַ צעבראָסטעטע פאָלק מיר זענען! מאָס? ניין, מאָס זוכט ערגעצאַנדערש. ביי אונדז איז איין דור צייט גענוג אויף צו פאַרוואַנדלען ליבשאַפט און פאַרגעטערונג אין האַס און חוזק. מיר איז ניטקלאָר: איז עס גוט, צי ס'איז שלעכט? נאָר ס'איז — משונה'דיק.

צו דער דערשיינונג פון זיין בוך: „אַ לאָמפּ אויף מיין פענצ־טער" האָט משה נאדיר אַראַנזשירט אין סיוויק רעפּערטאָרי טעאַטער אַן אָוונט פון „קליין־קונסט". צווישן אַנדערע זאַכן האָט מען אויפגעפירט איין אַקט פון זיין בורלעסק: „משיח אין אַמעריקע". די גראָטעסקערייען פון דער אידישער אַמע־ריקע האָבן געהאַלטן דעם זאַל אין אַן אומאויפהערלעכער קאָנוואולסיע פון געלעכטער. משיח אַליין, א איד אַ גאַלי־ציאַנער און א חלוש, האָט זיך ניט געקאָנט האַלטן אויף די פיס, און אַלעמאָל האָט מען געמוזט אים אונטערכאַפּן אונטער די הענט. עס איז געווען קלאָר, אַז ער איז אַ מערידניק און אַ געבריכטער. מ'האָט געלאַכט ניטבלויז פון אַמעריקע, נאָר אויך פון משיח'ן. איך האָט אויך געלאַכט — און זיך גע־שעמט, ווי איך וואָלט געלאַכט פון אַ געפּאַלענעם.

איך טראַכט: ס'איז ציניזם, צו חוזקן פון אַן אַלטגעוואָרענער געליבטער. האָט משה נאדיר פאַרגעסן וואָס די משיח־האָפענונג, די משיח־וויזיע, איז געווען פאַר אים דאָרט, אין נאַראיעוו, אין זיינע אינגלשע יאָרן? קאָן ער איר ניט גע־דיינקען אביסל די „גענאָד פון איר (פון זיין) יוגנט"? געווים זענען איצט אירע באַקן איינגעפאַלן און די אויגן פאַרלאָשן. אָבער, מיר דאכט, דאָס איז בלויז טרויעריק.

משיח אַליין, אויף וויפל איך געדיינק אים, איז אַלעמאָל געווען אַ שטיל מענטשל, אַן אָרעמאַן וואָס האָט באַשיידן געריטן אויף אַן אייזל און האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטון. פאַראַן אַ סברא, אַז ער זיצט ערגעץ אַ געשמידטער אין קייטן און וואַרט אויף דערלייזונג צוזאַמען מיט אונדז. —

שרייבער אין חדר

. . . ניטגעקוקט אויף די אַלע שפּיציקע ווערטלעך, פּיל איך אַז דער אַרטיקל: „צער־וואקכאנאליע" איז געשריבן מיט אַ האלבן הארצן. עס פעלט דער נאדירשער אַפּעטיט. קאָן עס זיין, אַז משה נאדיר איז נאָך ניטאינגאַנצן אויסגעהיילט פונם „פינטעלע איד"? . . .

און — איר הערט, משה נאַדיר? — איך וואָלט אייך געראָטן איבערצולייענען משה נאדיר'ס לעצטע קאַפּיטלען פון זיינע „טעג אין נאראיעוו", געדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט". דאָרט דערציילט זיך אַ פּאַטעטישע געשיכטע וויאַזוי אַ שיינע ציגיינערין האָט איינגערעדט אַ אידיש אינגל אַוועק־צו'גנב'ענען ביי זיין אָרעמער מאַמען די לעצטע עטלעכע רייניש און אנטלויפן מיט איר ציגיינער־געזינדל; וויאַזוי דאָס אינגל האָט זיך אומעטיק פּאַרקוקט אויף דער פאַרגייענדיקער זון און וויאַזוי דער אַלטער ציגיינער האָט אים מיט ביטול געהייסן לאָזן די זון צורו: „זי'ט זיך זעצן אָן דיר . . ."; וויאַזוי דאָס אינגל איז געשלאָפן די נאַכט אונטערן פרייען הימל און אונטער דער ציגיינערינס רעדנע, וואָס דאָס האָט געמוזט זיין גוואַלדאָוונע גוט; וויאַזוי די ציגיינערין האָט אים צומאָרגנס אומפאַרשעמט געצוואונגען זיך אויסטון נאַקעט פאַר איר אין די אויגן און אַריינשפּרינגען אין קאַלטן טייך זיך צו באָדן.

און וויאַזוי זי איז צולעצט אַנטלאָפן מיט זיינע מלבושים און די עטלעכע רייניש און האָט אים געלאָזן שטיין אַ נאַקעטן און אַן עלנטן אויפן ברעג פון טייך. —

. . . מ'דערציילט מיר, אַז די לעצטע יאָרן האָט משה נאדיר

תשובה געטון. המ . . . תשובה. עמיצער פון אונדזערע זקנים האָט זיך גע׳רגזנ׳ט: האומר אחטא ואשוב אחטא ואשוב, אין מספיקין בידו לעשות תשובה. —

ב. — פ ע נ ו נ ב י ק ס .

. . . משה נאדיר האָט צו שפּעט זיך אָנגעהויבן רופן „פּענונ־ביקסלער״: ער איז עס אַלעמאָל געווען. און אַז עס האָט פּאַסירט אַ מאָל אַז ער האָט ניט געזען קיין שונא פאַר זיינע אויגן, האָט ער געקירעוועט זיין ביקס אויף זיך אַליין. —

. . . די צווייזייטיקייט פונם פּענונביקסלער וואָרצלט אינם פאַקט וואָס ער איז אַ ר אָ מ אַ נ ט י ק ע ר וואָס קוקט פונ־דעסטוועגן אויפן לעבן מיט קלאָרע אויגן.

דער הונדערטפּראָצענטיקער ראָמאַנטיקער וויל פון דער וועלט ווי־זי־איז ניט וויסן. אָדער ער טראַכט זיך אויס אַ ניטגעשטויגן־ניטגעפלויגענע וועלט; אָדער ער קלאָגט נאָכ־אַנאַנד אויף דעם טראַגישן ווידערשפּרוך צווישן אונדזער וו ע ל ן און אונדזער ק אָ נ ע ן. דער דורכאויסיקער רעאַ־ליסט, ווידער, אקצעפּטירט די וועלט און די מענטשלעכע נאַטור אָט ווי זי שטייט־און־גייט. אַזאַ איינער באַוועגט זיך האַרט בא דר׳ערד — אָפּטמאָל אַזוי האַרט, אַז זיינע זעל־טענע פּאַרזוכן זיך אביסל אויפצוהייבן א י ב ע ר איר דער־מאָנען אָן די פּאַרזוכן פון אַ קאַטשקע צו פליען.

אַ מענטש אָבער וואָס איז ראָמאַנטיקער געגנוג אויף ניט צו

שרייבער אין חדר

זיין צופרידן מיט דער וועלט ווי־זי־איז, און גלייכצייטיק רעאַליסט געגנוג אויף ניט אַנצונעמען אויסטראַכטענישן פֿאַר ווירקלעכקייט — אַזעלכער געפֿינט זיך אין אַ שווערער די־לעמע; און עס איז קיין וואונדער ניט, אויב ער פֿאַרבייט אָפֿט די פּען אויף דער ביקס; און עס איז קיין וואונדער ניט, אויב ער קירעווועט זי פֿון־צייט־צו־צייט אויף זיך אַליין.

איך בין זיך מודה, אַז איך בין אַ קנאַפּער ליבהאָבער פֿון דער ביקס. איך ווייס, אַז אין געוויסע צייטן איז די ביקס אַ נויטיקייט, נאָר איר אַרבעט איז אַ ניטפּריילעכע, אַ ניט־דאַנקבאַרע און אַ צעשטערערישע; אָפֿטמאָל לאָזט זי זיך ניט קאָנטראָלירן, און אין אַ שיסעריי ווערט ניטאיינמאָל געטראָפֿן דער אומשולדיקער. די פּען, ווידער, איז אַ גאַנץ אַנדער שטיקל געצייג. און עס איז משה נאַדיר'ס פּ ע ן און ניט זיין ביקס וואָס איז מיר נאָענט און אייגן. —

... פֿאַראַן אַ קאַפּיטל משה נאַדיר וואָס אינטערעסירט מיך, ווי אַ אידישן שרייבער, גאַנץ באַזונדערס. דאָס איז משה נאַדיר'ס ש פּ ר אַ ך, משה נאַדיר'ס וואָרט־קינסטלעריי. אויף אים איז באמת שייך צו זאָגן, אַז ער באַהערשט די שפּראַך — בעת שלום־עליכם, למשל, איז פֿון איר באַהערשט געוואָרן. די שפּראַך איז די גרעסטע קולטור־שאַפֿונג פֿון אַ פֿאָלק, ווייל אַלע זיינע טיילן, אַלע געביטן און אפֿילו אַלע יחידים באַטייליקן זיך אין דער שאַפֿונג פֿון דעם אינסטרומענט „שפּראַך". און ווייל אַ לעבעדיקע שפּראַך איז ניט אַ פֿאַר־גליווערטע מומיע, נאָר אַ דינאַמישער פּראָצעס, באַטייליקן זיך אין דער שאַפֿונג אויך אַלע דורות און אַלע צייטן. דערפֿון

קאָן מען זען די וויכטיקייט פון יעדן יחיד וואָס קאָן מאַכן אַ באַדײַטנדיקן בײַטראָג צום אוצר פון דער שפּראַך.

איך האָב געזאָגט „צום אוצר", נאָר עס געפעלט מיר ניט. זאַמלען סתם פאַראַלטעטע, פאַרוואָרפענע פאָלקסווערטער בײַ זיך אויפן בוידעם איז אין בעסטן פאַל אַ הילף צו אַר־כעאָלאָגיע, צו שפּראַכקענטעניש, צו פאָלקלאָר — מיט לעבע־דיקער ליטעראַטור האָט עס ניט צו טון. גאַנץ אַנדערש איז דער געברויך פונם אידישן וואָרט בײַ משה נאַדיר'ן. עס איז ווייניק צו זאָגן, אַז דאָס וואָרט בײַ אים לעבט — עס גיט לעבן צו נײַגעבוירענע. עס רײַסט־אויף דאָס אייגענע הײַטל, ווי אַ קערן אין זאַפטיקן באָדן, כדי צו שאַפן אַ נײַע פלאַנץ; עס פּיקט זיך אַרויס ווי אַ לעבעדיקע, געפליגלטע באַשעפע־ניש פון אַן איי. עס מאַכט ניט אויס, וואָס נאַדיר האָט איין מאָל — איין־איינציק־מאָל — געפּרוואווט צוצושטיין צום לידל וועגן דעם, אַז „אידיש איז בלויז אַ מיטל, ניט קיין ציל". אין דער פּראַקטיק איז ער ווי דער אַקערער און זייער וואָס דערציט שיינענדיקע, זאַפטיקע קערנדלעך, וועלכע זענען „בלויז אַ מיטל" — אויפצוהאַלטן לעבן אויף דער ערד. ער איז ווי אַ גערטנער וואָס כאָוועט רויזן, ליליעס און פיל־קאָלירטע מאַנבלומען, וואָס „מקאָן לעבן אָן זיי אויך" — נאָר וואָס פאַר אַ טעם וועט אַזאַ לעבן האָבן? . . . — צום גליק, האָט דער גערטנער זיך ניט אָוועקגעשטעלט אויף לאַנג צו טראַכטן וועגן דעם, אַז זיין אַרבעט איז „בלויז אַ מיטל צום ציל". און דעם דאָזיקן פאַקט האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס משה נאַדיר איז משה נאַדיר. —

שרייבער אין חדר

דער שאָטן יוסף חיים ברענער.

א. —

וואַרשע, 1903-4. איך רעד צו נאָמבערג'ן: פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר בין איך געווען אָפּגעריסן פון דער העברעאישער ליטעראַטור; איך וואָלט וועלן זיך באַקענען מיט די נייע, די לעצטערע, אירע פאָרשטייער.

ער שטעלט מיר צונויף אַ צעטל וואָס איך געדענק דערפון די נעמען: חיים נחמן ביאַליק, מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, אורי גנעסין, ג. שאָפּמאַן, יוסף חיים ברענער. און — גיט ער צו מיטן קליינעם נאָמבערג'שן שמייכל — „פליגעלמאַן", פון הירש דוד נאָמבערג.

יאָ, דאָס זענען געווען די מענטשן וואָס האָבן אויסגעוויטיקט די נייע העברעאישע ליטעראַטור.

געווען אויך אייניקע וואָס האָבן פּאַרנאַסעוועט (ליבער בחור הזעצער, שרייב: פּאַרנאַסעוועט, ניט פרנסה'ועט. פּאַרנאַס — דאָס איז געווען אַ באַרג אַזאַ אין אַלטן גריכנלאַנד וואָס דאָרט האָבן זיך אויפגעהאַלטן די מיטאָלאָגישע געטער, הויך איבער די מענטשן. מיטן פּאַרנאַס קאָנען אידישע שרייבער נאָך האָבן אַ וועלכע־עס־איז שייכות, נאָר מיט פרנסה — ני־ני!) שאול טשערניכאָווסקי, למשל, האָט העלעניזירט; יעקב כהן האָט געשוועבט צווישן די שנייקעפּ פון די אַלפּנבערג. דער לייענער־עולם האָט זיך צו

זיי באַצויגן מיט דרך־ארץ, אָבער ער איז געבליבן — ה־ר — קאַלטלעך. די פריער דערמאָנטע, ווידער, האָבן טאַקע אויס־געוויטיקט אַ ליטעראַטור, צוזאַמען מיט אונדז אַלע־מען, איינעם מיטן „פאָלק ישראל" — אַ אידייע, אַ אימאַזש אַזאַ וואָס ווי פאַרנעפּלט ער זאָל ניט זיין, האָט ער נאָך פונדעסטוועגן אַזויפיל ממשות ווי, זאָגן מיר, „ליבע", אָדער „פריינטשאַפט", עטצ. יענע שרייבער האָבן אַוואַדע געזינ־דיקט געגן דער קונסט, יעדערער לויט זיינע מעגלעכקייטן, ווייל זייערע הערצער זענען געווען ניטגאַנץ און זייערע גע־מיטער געשטערט, נאָר אַלע צוזאַמען האָבן זיי אַריינגע־טראָגן אין אונדזער לעבן אַ טאָן וואָס מ'האָט ניט געקאָנט אים ניטהערן. מ־יאַ. —

פון די אַלע שרייבער — נאָמבערג אַפּאַרט — האָב איך זיך געטראָפן ווי געהעריק בלויז מיט ברענער'ן, אין לאָנדאָן, סוף 1905. אַ מענטש מיט אַ פּראָסטלעכן, אפילו גרעבלעכן אויסזען פון עפּעס אַ „רעשעטניק", ווי מ'רופט אין אוקראַינע אַ גרויפּנמילנער, נאָר מיט אַ צאַרטער שטים און אומעטיק־שמייכלענדיקע אויגן. ער האָט מיך אויפגענומען מיט שטילער פרייד, און מיר זענען צוגעזאָטן געוואָרן איינער צום אַנדערן. איך פלעג זיין ביי אים אין נאַראָדיצקי'ס דרוקעריי אויף מאַיל ענד ראָוד מסתמא יעדן טאָג, און ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן צו מיר אַ פּאָר מאָל אַ וואָך און פאַרברייינגען געמיטלעך מיט מיין אַלטער מוטער — געמיטלעכער ווי איך האָט מיט איר פאַרבראַכט. „אָט דאָס איז אַ מענטש — האָט זי מיך פאַרזיכערט — הגם פון די היינטיקע. וואָדען — אַזוי־ווי דו?" —

שרייבער אין חדר

ביי נאַראַדיצקי׳ן האָט מען מיר וועגן אים זיך אָנגעדערציילט זאַכן. אַ שעמעוודיקער מענטש און אַזאַ צוריקגעצויגענער, אַז ער זשענירט זיך אַפילו צו גיין אין שפּייזקרעמל קויפן אַ ברויט. אַ מעשה מיט דער „לאָנדאָן טאַימז״: די „אַכטע מלוכה״ האָט זיך דערוואוסט, אַז ערגעץ אויף דער איסט ענד, טאַקע אויף איר טעריטאָריע, גייט־אַרויס אַ חודש־זשורנאַל אויף, מאַלט אייך, אויף העברעאיש! — אויפן לשון פון דער באַיבל, הייסט עס! די „טאַימז״ דאַרף, פאַרשטייט זיך, באַריכטן וועגן אַזאַ קוריאָזיטעט, שיקט זי אַ פּיפּיקן רעפּאָרטער אויסצוגעפינען וואָס און ווען, אָבער ברענער האָט בשום אופן ניט איינגעשטימט צו געבן דעם רעפּאָרטער קיין אינטערוויו, און יענער האָט געמוזט שרייבן פון קאָפּ און וואָס ער האָט אַרויסגעקראָגן פון זייטיקע מענטשן. צווישן מענטשן האָט ברענער אַ סך געשוויגן, אָבער נישט געדיכט, אָן דעמאָנסטראַציע פון שווייגעניש, וואָס זי האָט ער קאַליע געמאַכט מיט אַ שמייכל און אַ מרוקע — אויף אונטערצוהאַלטן דאָס געשפּרעך. אָבער בא אונדז אין דער חבילה האָט ער שוין גאַרניט געשוויגן — ווייל ביי אונדז האָט זיך אויסגעבילדעט אַ „חבילה״ פון דריי, ווי איך וועל שפּעטער דערציילן.

ב. —

געלעבט האָט ברענער דעמלט פון זיין אַרבעט אַלס זעצער ביי נאַראַדיצקי׳ן, און אויב איך האָב ניט קיין טעות, האָט ער פאַרדינט צוויי ענגלישע פונט אַ וואָך. און דערפון האָט ער געלעבט, אַרויסגעגעבן דעם „המעורר״, וועלכן ער האָט

אַליין געזעצט, און אַרויסגעהאָלפֿן זיינע עלטערן ערגעץ אין רוסלאַנד. אָבער ברענער האָט געהאַט נאָך אַ קוואַל פֿון הכנסה: ער האָט רעדאַקטירט אַ וועכנטלעכע שריפֿט אויף אידיש פֿון אַ גרופּע אַנאַרכיסטן וואָס זענען געשטאַנען אין אָפּאָזיציע צו דעם אָפֿיציעלן אַנאַרכיסטישן „אַרבעטער פריינד", אונטער דער רעדאַקציע פֿון רודאָלף ראָקער. עס איז אפשר כדאי צו פֿאַרצייכענען, אַז דער „אַרבעטער־פריינד" האָט צוויי מאָל געהאט רעדאַקטאָרן ניט־אידן: דעם רוס ב ע ק און דעם דייטש ר א ק ע ר. ברענער האָט, הייסט עס, „רעדאַקטירט" די אָפּאָזיציאָנעלע „אַרבעטער־וועלט". דהיינו? די גענאָסן האָבן געשריבן אַרטיקלען, און ברענער האָט פֿאַרריכט די דיקטאָווקע, דאָס אויסלייגן . . . איז אַז איך בין געקומען קיין לאָנדאָן מיט מיין מוטער, לויט דער שיינער מליצה, „בעירום ובחוסר כל", האָט ברענער איבער־געגעבן די רעדאַקציע, מיטן „פונט" אַ וואָך וואָס ער האָט געקראָגן פאַר זיין אַרבעט — צו מיר . . . איך האָב געדייעט אויף מיין שטעלע פונקט אַ וואָך. איך האָב, קענטיק, צו אייפערדיק רעדאַקטירט די דיקטאָווקע, האָט מען נאָך דעם איינעם נומער מיר געהייסן פֿאַרפּאַקן די פּעקלעך, און די רעדאַקציע האָט זיך צוריקגעקערט צו ברענער'ן.

אינטימע שיחת־חולין צווישן מיר און ברענער'ן, פֿון וועלכע אַ פּאָר צויטן זענען געבליבן ביי מיר אין זכרון.

ער באַקלאָגט זיך — כלאחר יד — אויף בחור'שע יסורים. עפּעס „דריזן" האָבן זיך אויף אים אָנגעזעצט און דערגייען אים די יאָרן. די טיראַניע פֿון עפּעס ד ר י ז ן גאָר! און ג ע ג ן

שרייבער אין חדר

זיי—די טיראַניע פון כהנים און גלחים, וועלכע האָבן מורא פאַר ווידערשפּעניקע כוחות וואָס לאָזן זיך ניט באַהערשן. דער שטראָם פון איסורים און פאַרבאָטן וואָס זיי, די גלחים און כהנים, האָבן אַרויסגעלאָזן אויף דער וועלט און וואָס אפילו מיר, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג באַפרייט פון זייער איינפלוס, פילן נאָך אַלץ ווי אַ טשאד און אַ וואָלקן איבער אונדזערע קעפּ . . .

. . . די גלח׳עריע — אַ טריפה׳נעם מזל האָט זי! די בעסטע מוזיק איז געשריבן געוואָרן פאַר איר. די בעסטע מאַלעריי איז געמאַכט געוואָרן פאַר איר. אָבער די בעסטע ביכער זענען ניט געשאַפן געוואָרן פאַר איר—א מכה! ווייל זי האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן אַ שנאה צום לעבן און האָט אונדז שטענדיק געקאָרמעט מיט אַן אויסגעטראַכטער עולם הבא. . .

. . . די רוסישע ליטעראַטור — די טיפסטע אין דער וועלט! און איר הויפּטנערוו איז דאָס קראַנקע געוויסן. אַ משונה׳דיק פאָלק: טוט-אָפּ די גרעסטע רציחות, און נאָכדעם שלאָגט זיך עס מיטן שטערן אָן שוועל אין קאָנוואולסיעס פון חרטה און תשובה, פּראַוועט „פּאָקאַיאַניע”. . . .

. . . די דורכפירונג פון סאָציאַליזם, רעדוצירט צו אירע לעצטע טערמינען, מיינט פשוט, אַז יעדער מענטש זאָל האָבן וואָס צו עסן. אָבער אָטדי פשוטע זאַך וועט קיינמאָל ניט דורכגעפירט ווערן . . . — עס איז בא ברענער׳ן שוין נאָך זיין בונדיסטישן פּעריאָד. — פונדעסטוועגן, שוין זייענדיק

אין פאַלעסטינע, איז ער געבליבן מיט די אַרבעטער ביזן סוף פון זיין לעבן. . . .

ג. —

דער דריטער אין דער חבילה איז געווען ראדלער-פעלדמאַן, וועלכער האָט געשריבן — און שרייבט, אַ דאַנק צו השם יתברך — אונטערן פען-נאָמען ר׳בנימין.

אַ שיינער יונגערמאַן, נעבעך אַ גאַליציאַנער, פון אַ יאָר-פינפאונצוואַנציק, מיט אַ שוואַרץ בערדל ווי אַ וואורשטל אַרום זיין קין, מיט שוואַרצע, קיילעכדיקע אויגן ווי ביי אַ „פעקינגעזער" הינטל, נאָר אסך גרעסער און מיט אַן אַמוזירטן פינקל אין זיי, ווייל דאָס לעבן האָט אים בפירוש אַמוזירט. דערדאָזיקער ראדלער האָט אמאָל דערטאַפּט אַ פּאָר אַראַבער וואָס האָבן, ניטקענענדיק קיין ענגליש, אומ-באַהאָלפן זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן פון לאָנדאָן; געווען איז עס נאָך פּ אַ ר די „טמא טעג", און די אַראַבער זענען דאָך עפּעס אונדזערע שוועסטער-קינדער, האָט זיך ראדלער מיט זיי אַרומגעפירט, זיי אַרויסגעהאָלפן מיט עפּעס-וואָס און בכלל זיך מיט זיי מטפל-געווען. איך הער, אַז ראדלער איז היינט אין ארץ-ישראל איינער פון דער גרופּע „ברית שלום" וואָס זוכט דורכצוקומען מיט די אַראַבער אויף אַ פרידלעכן אופן, און איך זע אין דעם אַן אָפּשיין פון זיין אַמאָליקער באַציאונג צו אונדזערע „קרובים". — ראדלער איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער דייטשישער ליטע-ראַטור און אַ שטאַרקער פאַרערער פון ביסמאַרק'ן! איצט

—הער איך ווייטער—איז ער צוגעשטאַנען צו די פרומע און איז שיר־ניט אַ פירער באַ זיי. וויי־וויי, צו וואָס ביסמאַרק קאָן איינעם דערפירן! . . .

איז ברענער, ווי איר קאָנט זיך מאָלן, קיין גרויסער חסיד פון „ביסמאַרק׳ן” נ י ט געווען, נאָר ראדלער׳ן האָט ער ליב געהאַט, ווייל יענער איז געווען „ר׳ בנימין”—אַ מענטש וואָס האָט געשריבן גלענצנדיקע עסייען אין עפּעס אַ „מדרש־רבה”־סטיל: דאכט זיך — אַלט, און גלייכצייטיק ניי און אַזוי באַ׳טעמ׳ט אַז איך האָב זעלטן ווען אַזא הנאה געהאַט פון העברעאישן סטיל. סיידן אפשר באַ מענדעלי׳ן אין זיינע לעצטערע העברעאישע כתבים.

איז אָט: פלעגן מיר זאלבעדריט זיך צונויפדרענגען אין ברע־נער׳ס הדר׳ל באַ נאראָדיצקי׳ן אויפן צווייטן שטאָק וואו עס איז אויך געשטאַנען ברענער׳ס שריפטקאַסטן—און מיר האָבן גערעדט. געווען גענוג וועגן וואָס צו ריידן. עס איז נאָך דער ערשטער, דורכגעפאַלענער, רוסישער רעוואָלוציע; נאָך דער גרויסער כוואליע פון פּאָגראָמען אויף אידן. מיר האָבן ווייטיקדיק געפילט אַז מיר זענען אידן, און ניטוויי־ניקער ווייטיקדיק אַז מיר זענען מענטשן.

אַלס צוגאָב צו אַלע אונדזערע פראַגן האָבן מיר געהאַט נאָך אַן אייגענעם, ספּעציעלן קנייטש: די „שפּראַכפראַגע”. זאָל עס קלאָר ווערן איינמאָל פאַר אַלעמאָל: די פראַגע ביי אונדז מיינט קיינמאָל נישט אידיש אָדער אַנדערע שפּראַכן, נאָר — אידיש, צי העברעאיש? די אַנדערע לשונות מוזן מיר

קענען און באַנוצן, ווי מ׳מוז ווייסן וויאַזוי צו נעמען אַ באַן אָדער אַ סטריט-קאַר. און אויב זיי פאַרפלייצן אונדז, זענען מיר זיך אין זיי נוקם דורך צוגעבן זיי דעם אידישן טאָן, די אידישע העוויה—הערט זיך צו ווי אידן ריידן ענגליש אויף קלינטאָן סטריט אין נויאָרק אָדער פראַנצויזיש אויפן „פּלעצל" אין פּאַריז, וועט איר פאַרשטיין וואָס איך מיין. די פון אונדז וואָס פאַרנעמען זיך מיט גייסטיקע טעטיקייטן נעמען ווערטער און ווענדונגען גאַנץ באוואוסטזיניק, נאָר דאָס איז אַ ברכה פאַרן מענטשלעכן געדאַנק, און פון אַזאַ „נעמען" ווערט איינער רייכער און דער אַנדערער ניט-אָרעמער. אָבער די שפּראַכפראַגע ביי אונדז איז אַן אינעווייניקסטע פראַגע. איך, למשל, בין אַ „אידישיסט". דהיינו? איך האַלט, אַז עס איז פאַרלוירענע, אומזיסט-פאַרשווענדטע היסטאָרישע ענערגיע צו באַמיען זיך אויסצולערנען אונדזער פאָלק צו ריידן העברעאיש, ווייל עס וועט זיך ניט איינגעבן און ווייל עס איז אומנויטיק: מיר האָבן אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן אויסגעאַרבעט פאַר זיך אַ וואונדערלעכן אינסטרומענט — אונדזער אידיש. וואָס איז שייך העברעאיש, איז ער, פאַרשטייט זיך, צווישן אונדזערע „קנינים רוחניים", און אַז איך האָב אַמאָל, אויף אַ קאָנגרעס אין באַזעל, געהערט אַ רעדע פון דר. מאַסענזאָן אין העברעאיש מיט דער „האווארא", האָב איך הנאָה געהאַט פון דער אַראַביש-שפּאַניש-איטאַליענישער סטאַקאַטאָ ווי פון מוזיק. נישמער, דאָס איז ניט אונדזער העברעאיש. נישט דער העברעאיש אויף וועלכן מיר האָבן געדאַוונט און תהילים געזאָגט פאַר הונדערטער און הונדערטער יאָרן. נישט דער העברעאיש אויף וועלכן מיידלעך ביי אונדז פלעגן אָנהויבן דעם טאָג

מיט „מודה אני" — מיטן אַקצענט בפּירוש אויפן פּתח אלף, ניטגעקוקט דערויף וואָס עמיצער האָט מיט טויזנטער יאָרן צוריק דערפונדן דעם חטף־פּתח. איך זע ניט קיין שום נויטיקייט נאָכצומאַכן די אויסשפּראַך פון עפּעס אַ שבט וואָס האָט אמאָל־אמאָל זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די פליינען פון פּאַדער־אַזיע און דאָרט געפּיטערט זיינע שאָף. שפּראַך איז אין פלוס און באַוועגונג ווי אַלץ אין דער וועלט. וועמען פון די ענגליש־ריידער וואָלט עס איינגעפאַלן אויפצולעבן דעם אַקצענט פון טשאָסער׳ס צייטן?—אנדערע זענען געווען פאַרביסענע העברעאיסטן, ביז צו שנאה צו אידיש. דאָס זענען יענע וואָס שטייען אונטערן דרוק פון די העברעאישע לערער, די „מורים" — פון דער מור׳יסטישער ריכטונג וואָס האָט געבראַכט אין ארץ־ישראל צו דער געגנערשאַפט צו אידיש און וואָס האָט בכלל אַריינגעבראַכט אַ סך פאַרווירונג אין אונדזער גייסטיקן לעבן. ברענער, ווידער, האָט צו יענער צייט געהערט צו דער „צווייישפּראַכיקער" גרופּע, ווי נאָמבערג, בערדיטשעווסקי און אנדערע: מיר זענען אַ פאָלק וואָס לעבט זיך אוים אויף צוויי שפּראַכן — דאָס איז אַ היסטאָרישער פאַקט—און פאַרפאַלן. ווער עס האָט געהאַט אַ נייגונג מער צו איינער פון די שפּראַכן, און ווער צו דער צווייטער; נאָמבערג, למשל, האָט נוטה געווען מער צו אידיש, ברענער — צו העברעאיש. ראַדלער איז געווען אַ דורכאויסיקער העברעאיסט, נאָר ווי אַ מענטש אַן עולם־הזה׳ניק און מיט אַ חוש פאַר שיינקייט וואו ער זאָל זי ניט טרעפן, האָט ער געוואָרפן אייגלעך צו דער געזונטער שיקסע — צו אידיש. און אַלע אונדזערע געשפּרעכן זענען אָנגעגאַנגען, סוף־כל־סוף, אויף אידיש, און אַז עס פלעגט זיך

אמאָל ארויפכאַפּן צו ברענער'ן אין צימער עמיצער פון די לאַנדאַנער „מורים" און נעמען „קנאַקן" העברעאיש, האָט זיך ברענער פּשוט זשענירט פאַר מיר און האָט געענטפערט אין אידיש.

זיין מיינונג וועגן העברעאיש איז געווען די: מיר גייען אונטער, נאָר מירן שטאַרבן אין די שיך און שטייענדיק. קלאָרער, געלייטערטער סטאָאיציזם. מחמת דעמזעלבן טעם האָט ער זיין „המעורר"-פאַרלאַג גערופן: „מסדה",—אויפן נאָמען פון אונדזער אמאָליקער לעצטער פעסטונג, וואָס האָט זיך לאַנג געהאַלטן געגן די רוימישע חיילות. שפּעטער, אין ארץ-ישראל, הערנדיק דעם קלאַנג פון העברעאיש אויף די ליפּן פון עוללים ויונקים, איז ער, קענטיק, געקומען צו אַ גרעסערן גלויבן אין דער אויפלעבונג פון העברעאיש און צו אַ געגנערשאַפט צו אידיש. ערגעצוואו האָט ער זיך אויס-געדריקט סאַרקאַסטיש: „רעדט זשארגאָן, רעדט! דער נאראָד וועט אייך זיין בלאַגאָדארנע". איך האָב גוט-געקענט ברע-נער'ן און איך בין זיכער, אַז דאָס איז ניטמער ווי היץ פון פּאָלעמיק, מסתמא געגן „ראַדיקאַלן" — די לינקע פּועלי-ציון אפשר. זיין אייגענער העברעאיש האָט געהאַט אַ שטאַרקן אידיש-ריח, און זיינע פאַרשווינען האָקן אפילו אַריין אַ מאָל א גאַנצן אידישן זאַץ אינמיטן פון זייער העברעאישן לשון.

אין אַ פיר חדשים אַרום בין איך אַוועקגעפאָרן קיין אַמע-ריקע. מיט אַנדערטהאַלבן אָדער צוויי יאָר שפּעטער איז

ברענער אוועק קיין גאַליציע. ווען ראדלער האָט פאַרלאָזן לאָנדאָן ווייס איך ניט.

נתפרדה החבילה.

ד. —

עס איז אפשר ניטשיין פון מיין זייט, נאָר איך קאָן זיך ניט איינהאַלטן פון איבערדערציילן אַן עפּיזאָד, וואָס אַ פונקט אין אים רופעט מיך ביז אויף היינטיקן טאָג, הגם עס איז שוין לאחר ולאחר לאחר המעשה.

נאָך פאַרשיידענע גילגולים אין אַמעריקע, האָב איך מיט מיין פרוי געעפנט אַ רעסטאָראַן אין שיקאַגאָ מיטן באַשטימטן פּלאַן: אָפּצוהאַלטן אים פונקט אַ יאָר און אַ האַלב, „מאַכן" אַזויפיל געלט וויפל עס וועט זיך לאָזן פאַר דער צייט, ליקווידירן דאָס געשעפט און אַוועקפאָרן אין שווייצאַריע. אַן ערך אַ האַלב יאָר איז אַוועק ביז מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט — פון דער קישקע — דעם ערשטן 25-קער. דעמלט האָבן מיר אָנגעטון אונדזערע שבת'דיקע בגדים און האָבן פייערלעך אַוועקגעפירט אונדזער בכור אין דער וועסט-סאַיד-באַנק, אויף דער 12-טער און האַלסטעד סטריטן, און זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן אויף די ווייטערדיקע 25-קערס. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אין וועג און זענען געבליבן נעכטיקן אין אַ קרעטשמע.

בינו לבינו, קומט-אָן אַ בריוו פון אַ קאָלעגע אין נויאָרק מיט אויסדרוקן פון צופרידנקייט וואָס „אונדזערער אַ מענטש"

האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אין אמעריקע און מיט אַ ידיעה וועגן דעם, אַז ברענער וויל קומען אַהער, און מ'דאַרף אויף הוצאות הדרך. האָב איך אָנגעקוקט מיין פרוי, און מיין פרוי האָט אָנגעקוקט מיך — און מיר האָבן ווידער אָנגעטון די שבת'דיקע בגדים און זענען אַוועק אין באַנק אַריין נאָכן כף-הא'ער. צוזאַמען מיטן געלט האָב איך צום נויאָרקער קאָלעגע צוגעלייגט, צום איבערשיקן ברענער'ן, אַ בריוו מיט אַן עצה, אַז ער זאָל קיין אַמעריקע ניט פאָרן: דאָס לאַנד איז ניט פאַר אים, און ער איז ניט צוגעפאַסט צום לאַנד. איך בין געווען צופרידן וואָס ברענער „האָט מיך געפאָלגט" און איז געפאָרן קיין גאַליציע און פון דאָרט קיין פאַלעסטינע.

מיר האָבן דורכגעפירט אונדזער פּלאַן: פונקט צו אַנדערט-האַלבן יאָר האָבן מיר ליקווידירט אונדזער רעסטאָראַן, אַן ערך ווי מ'ליקווידירט מענטשן אונטער געוויסע פאָליטישע רעזשימען, און זענען אַוועק אין דער שווייץ. אין עטלעכע חדשים אַרום איז דאָס אָפּגעשפאָרטע ביסל געלט אַוועק אַהין וואוהין דער שבת-קודש גייט-אַוועק, און מיר זענען ווידער געווען אין דער קלעם. דעמלט איז מיר איינגעפאַלן צו באַ-זעצן זיך אין פאַלעסטינע, און איך האָב וועגן דעם געשריבן ברענער'ן. דער ענטפער פון ברענער'ן, אַפאַרט פון זיין נעגאַטיווקייט, האָט מיך איבערראַשט מיט זיין טאָן: קאַלט-לעך; ד. ה., טאַקע ג אָ ר קאַלט. אין מיר האָט זיך דער-וועקט, אַ חשד, אַז הגם דאָס געלט איז צו ברענער'ן דער-גאַנגען, איז אָבער צו זיין ו ו י ס ן דערגאַנגען בלויז די עצה פון פראָספּערירנדיקן רייכן פעטער: נ י ט צ ו ק ו מ ע ן

שרייבער אין חדר

אין זיין טעריטאָריע. אָבער עס איז ניט געווען קיין שום וועג וויאַזוי דעם ענין אויפצוקלערן.

וועל, אי ברענער אי מיין פרוי זענען שוין לאַנג אויפן עולם האמת. איך האָף, אַז זי האָט אים דאָרט אויפגעזוכט און אויפגעקלערט די מיספאַרשטייעניש. דאָ, אויף דער וועלט, וועט שוין דער ענין קיינמאָל ניט אויפגעקלערט ווערן.

ה. —

די לעצטערע יאָרן האָב איך מיט ברענער׳ן קיין פאַרבינדונגען ניט געהאַט. ער האָט אָפּגעדרוקט אין „האדמה״ מיין „ווייסע חלה״, אין דער איבערזעצונג פון מנחם פּאָזנאַנסקי. איך האָב געזען זיינע שרייבעכצן: ביטער, קריטיש, ווי פריער, אָבער מיט אַ הויך פון אויפגעלעבטער האָפענונג, ווי פון איינעם וואָס קריטיקירט זיינע אייגענע, אויף זיין אייגענעם באָדן. דערנאָך איז געקומען דער אומגליקלעכער ערשטער מאַי פון 1921. איך בין שוין לאַנג געווען צוריק אין אַמעריקע, אַזש אין דער ווייטער קאַליפאָרניע. פריינט האָבן מיר בשום אופן ניט געוואָלט איבערגעבן קיין פּרטים פון ברענער׳ס טויט. דער מענטש וואָס האָט זיך געקווייַנקעלט צו גיין אין שפּייז-געוועלב צו קויפן אַ ברויט, וועלכער האָט זיך ניט געלאָזן אינטערוויואירן פון אַ רעפּאָרטער — האָט צום סוף געהאַט אַן אינטערוויו מיט דער ליבער מענטשלעכער נאַטור פּנים אל פּנים. ער האָט געמוזט האָבן עטלעכע ביטערע מינוטן, אפשר שעה׳ן, איידער דער שווערער פאַרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צווישן אים און אונדז.

אך, ס׳אר אַ וועלט! —

לעגענדע.

שין מיללער'ס לעצט בוך „מאַטיוון" איז זייער פאַרשיידנ־אַרטיק אין אינהאַלט, און דער לייענער וועט פאַר זיך האָבן פונוואַנען אויסצוקלייבן לויט זיין געשמאַק. מיך פּערזענלעך האָט ספּעציעל פאַראינטערעסירט די דערציילונג „צוויי נסיונות". עס איז אינטערעסאַנט, אַז די טריקנסטע רעאַליסטן ווייזן אָפט אַרויס אַ נייגונג צו אַנטלויפן וואָס ווייטער פון דערווירקלעכקייט אַרום זיי כאָטש פאַר אַ ווײַלע. אַלעמען איז באַקאַנט ווי אַזוי גוסטאַוו פלאָבער, דער מחבר פון „מאַדאַם באָוואַרי", „ביוואַר און פעקישע" א.ד.ג. — איז אינמיטן דרינען אַנטלאָפן צו די „זעאונגען פון הייליקן אַנטאָניוס". שין מיללער, דער פאַרביטערטער רעאַליסט פון „שמאַלצגרוב", האָט אין דעם לעצטן בוך אַ שפּרונג געטון צום „פייערטאַנץ" און צו די „צוויי נסיונות". פאַראַן גענוג אין בוך פון דעם אַלטן מיללערן. פאַראַן די דערשיטערנדיקע זאַך פון די לעצטע טעג: „אַש". אָבער מיך פּערזענלעך האָבן פאַראינטערעסירט הויפּטזעכלעך די אַנגערופענע צוויי זאַכן. איז צו אַזעלכע פאַרזוכן ווי „דער פייערטאַנץ" בין איך קאַלטלעך. איך האַלט ניט פון שרייבן וועגן פעלקער וואָס מיר קענען זיי בלויז פון ביכער; די אינדיאַנער לעבן נאָך, און איך וואָלט נישט איבער־ראַשט געוואָרן ווען עמיצער פון זיי קומט־אַרויס און זאָגט, אַז מיללער פאַנטאַזירט און האָט געטראָפן מיט אַ פינגער אין הימל. מיר אידן קענען די פעלקער צווישן וועלכע מיר לעבן אַסך בעסער ווי זיי קענען אונדז, הגם מיר לעבן אונטער זייערע נעזער, און אַז זיי שרייבן וועגן אונדז קומט עס אַרויס צו זיס אָדער צו ביטער. אָבער משה בן עמרם ווי אַ טעמע

איז שוין גאָר אַן אַנדער זאַך. משה איז אונדזערער, ווייל מיר, דאָס גאַנצע פאָלק, האָבן אים געשאַפן. עס איז ווי אחד העם זאָגט: נישט דער ארכעאָלאָגישער משה, וועלכער איז אפשר, ווי איוב, לא היה ולא נברא, איז וויכטיק, נאָר דער היסטאָרישער משה, וואָס אידן האָבן אים געקאָרמעט און געפלעגט מיט דער מילך פון זייער פאַנטאַזיע אין פאַרלויף פון דורות, און דורות, און דורות. די ריזיקסטע געשטאַלט וואָס מיר האָבן געשאַפן.

די ריזיקסטע — און די מענטשלעכסטע. שוין די ביבל האָט זיך נישט געפלייסט צו מאַכן משה'ן פאַר אַ גאָט, נאָר פאַר אַ מענטשן מיט שוואַכקייטן. זי האָט זיך ניט זשענירט אפילו צו מאַכן אים פאַר אַ כבד־פה און אַ שטאַמלער. היינט די רירנדיק נאַאיווע מעשה וועגן דעם וויאַזוי זיין ווייב צפורה האָט אים געראַטעוועט פון טויטשלאַג פאַר זיין פאַרפעלן צו מל־זיין זיין זון! נאָר וואָס איז דער חידוש, אַז אפילו מיט אונדזער גאָט אַליין זענען מיר אַלעמאָל געווען זאַ־פּאַניבראַט. משה האָט זיך אויף אים מתרעם געווען: „אָט דערויף האָסטו מיר באַפוילן זיי אַרויסצופירן פון לאַנד מצרים, כדי דו זאָלסט זיי פאַרטיליקן אין דער מדבר? . . .” און דורך די דורות האָבן מיר היימישלעך אָט זיך געקריגט מיט אונדזער גאָט, און אָט זיך געצערטלט צו אים, זיך געפיעשטשעט פאַר אים שוין אין אונדזער איצטיקן לשון: „טאַטע פאָטער”. דורך אונדזער גאַנצער געשיכטע האָבן מיר געזוכט ניט צו פאַרגעטערן מענטשן, נאָר צו פאַרמענטשלעכן גאָט. און משה בן עמרם איז דער שענצטער סימבאָל פון אָטדער נטיה.

די ניט־אידישע קאָנצעפּציע פון משה'ן איז פאַרקערפּערט אין דער באַקאַנטער סטאַטוע פון מיקעל אַנדזשעלאָ: אַ זיצנ־דיקע פיגור פון אַ יופּיטער, נאָך מיט אַ פּאָר הערנערלעך ביי ביידע זייטן פון קאָפּ — א באָווים. דער אָפּשטאַם פון די הערנער איז טשיקאַווע. קרן אין העברעאיש האָט צוויי טייטשן: אַ שטראַל, און אַ האָרן (אָדער אַ דרויסנוויקל). האָט אַנדזשעלאָ פאַרטייטשט דעם פּסוק „קרן עור פניו" מיט הערנער! דאָס איז אַ רעליגיעז־מאָלערישע קאָנווענציע, ווי דער ליכט־קרייז אַרום דעם קאָפּ פון אַ קדוש וואָס סימבאָלי־זירט שיין. אָבער דער תוך איז — אַ יופּיטער־געשטאַלט. גאַנץ אַנדערש איז דער אידישער באַגריף וועגן משה בן עמרם: „והאיש משה היה עניו מכל האדם".

עס וואָלט ניט געשאַדט, ווען אזא קרעפּטיקער סקולפּטאָר ווי עפּשטיין זאָל זיך אמאָל נעמען פאַר אַ אידישן סוזשעט און געבן דער וועלט זיינעם א משה'ן — אונדזערן אַ משה'ן.

שין מיללער גייט נאָך אַ שריט ווייטער פון דער ביבל: ער נעמט משה'ן אין זיינע לעצטע טעג, ווען ער ווייסט שוין אַז עס איז געקומען זיין צייט צו גיין בדרך כל בשר, און ער רעדט און באַנעמט זיך ווי „אַן אַלטינקער איד", ווען ער גיט־איבער זיין תורה און די ממשלה אין יהושוע'ס הענט. איך מוז זאָגן, אַז מיללער'ס באַהאַנדלונג פון יהושוע'ן איז מיר ניט צום הארצן. פאַר אים איז ער אַ סאָרט „עבד כי ימשול". פונוואַנען נעמט ער דאָס? אין דער ביבל איז דערפון קיין זכר ניטאָ. מיללער פאַרענטפערט זיך, אַז ער באַזירט זיך אויף „קוואלן". וואָס פאַר קוואלן קאָנען זיין

שרייבער אין חדר

װעגן פֿאַרשװינען װאָס זענען געשאַפֿן אינגאַנצן „היסטאָריש”? בלױז די סברות פֿון אַנדערע שרײַבער, פֿון סופֿרים װאָס האָבן געדרײט מיטן גראָבן פֿינגער. איז פֿאַרװאָס איז ער מחויב נאָכצוגײן אין זײערע טריט? נישמער, דאָס איז שױן דאָס מזל פֿון עפּיגאָנען. דער ראשון װערט געלײגט אין אַן אוהל (מאָװזאָלעי בלע”ז) און לעגענדאַריזירט, און די נאָכפֿאָלגער, װאָס קאָנען שױן ניט שװעבן אין די װאָלקנס פֿון דער פֿורער אידײע, װאָס זײער צײַט איז געקומען אױף אָראָפּצולאָזן זיך אױף דער ערד און צו פֿאַרװאַנדלען די מחשבה אין מעשה, מיט אַלע ניט-הנ'עװדיקײטן פֿון „מעשה” — אױף זײ קרימען מיר זיך. איך בין זיך מודה, אַז מיר אַלײן זענען די מענטשן פֿון מעשים אױך ניט צום האַרצן, אָבער ערגעצװאו שטעקט דאָ א טעות. אַ טעות און אַ סתירה. —

די לעצטע עטלעכע אַפּיזאָדן אין דער דערצײלונג זענען רירנדיק ביז גאָר. דאָס פֿאָלק. פֿאַרזאַמלט נעבן געצעלט, בעט בײַ משה'ן מחילה דערפֿאַר װאָס זײ האָבן אים שװער געמאַכט, און ער בעט בײַ זײ מחילה דערפֿאַר װאָס ער האָט זײ מצער געװען צוליב דער תורה און די מצװות. „און אַז איר װעט אַרײַן אין לאַנד, זאָלט איר דערמאָנען מיך און מײַן געבײן, און זאָגן: װײ צו בן עמרם! װי אַ פֿערד איז ער געלאָפֿן אונדז פֿאָרױס, און זײַנע בײנער זענען געבליבן אין דער מדבר”. און ער איז פֿאַרשװאונדן צװישן די בערג, ולא ידע איש את קבורתו. קײנער װײסט ניט, װאו זײַן געבײן איז אהינגעקומען.

אַזױ פֿאַנטאַזירט אַ פֿאָלק. משה בן עמרם. די שענצטע לעגענדע װאָס אידן האָבן געשאַפֿן.

די אידישע אמעריקע.

איך פארשטיי ניט דעם שכל פארוואָס מ״קוקט זיך באַ אונדז אַזוי ווייניק אום אויף אַזאַ שרייבער ווי גרשון איינבינדער.

אפשר איז דערין שולדיק, טיילווייז, דער פּסעוודאָנים וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן — „כאַוועך־פּאַווער״. גרשון איינבינדער האָט אנגעהויבן מיט מעשות פאַר קינדער, און דער פּסעוודאָנים האָט זיך געפּאַסט. איצט איז ער אין זיינע שרייבעכצן אַוועק ווייט פון קינדער, אָבער מיר, הגם מיר ריידן פיל וועגן קינדער־ליטעראַטור, נעמען זי סוף־כל־סוף ניט ערנסט. איך וואָלט אים געָעצה׳ט צו גיין אונטער זיין אייגענעם נאָמען, אָדער אויסקלייבן אַ פּאַסיקערן פען־נאָמען.

דאָס קאָן אָבער ניט זיין דער איינציקער טעם. אפשר איז עס דערפאַר, וואָס ער איז נעבעך אַ געשטראָפטער, אַ „לינקער״? אויב אַזוי, איז עס אַ טעם וואָס האָט קיין טעם ניט. בערגעלסאָן איז אין זיין לינקיזם געגאַנגען אסך ווייטער, אָנהויבנדיק מיט זיין „ביים דניעפּער״; פונדעסטוועגן איז דוד בערגעלסאָן — דוד בערגעלסאָן. רודיאַרד קיפּלינג איז בפירוש געווען אַן אָבסקוראַנט, אַ רעאַקציאָנער, אַן ענגלישער אימפּעריאַליסט און אַ מיליטאַריסט. פונדעסטוועגן ווייסט די גאַנצע וועלט, אַז קיפּלינג איז געווען אַ גוטער קינסטלער און אַן עכטער פּאָעט. עס איז אַ תורה וואָס מיר האָבן געלערנט פון רבינו אב. קאַהאַן: פאַרשווייגן. די לינקע אַליין האָבן אויך גענוג געזינדיקט אויף דעם געביט, נאָר אויף אַן אַנדער שטייגער: זיי האָבן פ אַ ר ש ר י ע ן. געדענקט איר די גוואַלדן

שרייבער אין חדר

וואָס זיי פּלעגן מאַכן וועגן אַש׳ן אָדער וועגן זשיטלאָווסקי׳ן? נאָר מילא, דאָס איז פאַרגאַנגענהייט. איז אפילו זיי האָבן זיך ווייניק אומגעקוקט אויף איינעם פון אונדזערע בעסטע כוחות, הגם אויסגענוצט האָבן זיי אים ביז׳ן קליאַק פון די ביינער. ערשט לעצטנס האָט משה קאַץ אים באַמערקט אויפן האָ־ריזאָנט און האָט אָנגעשריבן, וועגן זיינע „צען לאַנדסלייט" אַ גוטן אַרטיקל; איך מיין, אַן אַרטיקל מיט פאַרשטענדעניש פאַרן מהות פון אַ שרייבער.

איך פאַרזענלעך לייען אים מיט אַזויפיל הנאה — ניין, מיט אַזויפיל אינטערעס, וואָס איז אַ וויכטיקערע מאָס ווי הנאה — וואָס מ׳קאָן נאָר ארויסקריגן פון ליטעראַטור וואָס איז מער ווי „ליטעראַטור", ווייל עס גרייכט שוין צו דער מדרגה פון קונסט. געדענקט איר זיין ראָמאַן „בראָנזוויל"? געדענקט איר זיין חברה׳מאַן וואָס האָט זיך באַטייליגט אין אַ מאָרד? ער קומט אַהיים צו זיין מאַמען אַ מידער, אַ דערשעפּטער, לייגט זיך שלאָפן און חלומ׳ט ווי ער שווימט־אַרום אין ים און קאָן זיך שוין מער ניט אומקערן. דער מחבר האָט געהאַט דעם וואונדערלעכן איינפאַל פון איבערלאָזן דעם פאַרלוירע־נעם מענשן אינמיטן פון זיין חלום און קערט זיך מער ניט אום צו אים, דערמאָנט אים מער ניט — ער איז מיט אים פאַרטיק.

געדענקט איר זיין אידישע מאַמע וואָס זיצט אין „רינג", קוקט זיך צו ווי איר זון גיט קלעפּ אין אַ געפעכט און איז מתפלל צו גאָט, אַז איר זון זאָל געווינען? דאָס איז מסתמא דאָס ערשטע מאָל אין אונדזער געשיכטע וואָס אַ אידישע מאַמע

זאָל לעבן מיט אַזעלכע האָפענונגען און פאַרלאַנגען. און געדענקט איר זיין באַנדיט פון „קלינטאָן סטריט", אָט יענער מיטן פאַרקריפּלטן, רציחהדיק - רויטן אויערל, וועלכער שלעפּט-אַרויס אויף זיינע פּלייצעס זיין באַוואוסטלאָזן טאַטן פון אַ שריפה? דאָס דערמאָנט מיר עפּעס, איך ווייס ניט פאַרוואָס, אָן גלאַטשטיינ'ס „שיני מאָיק". עס איז קלאָר: מיר גייען דורך אין אָט דער אַמעריקע אַ נייע פאַזע פון אונדזער געשיכטע, אָבער דאָס איז ניט צום ערשטן מאָל. מיר האָבן שוין אַ סך מאָל דורכגעמאַכט אַזעלכע שאַרפע ענדערונגען, זיך צוגעפּאַסט און דאָך געבליבן אידן. אין דער צופּאַסונגס-פייאיקייט ליגט אפשר דער סוד פון אונדזער לאַנגן לעבן ווי אַ פאָלק.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט אונדז לעצטנס פאָרגעוואָרפן, אַז מיר האָבן נישט אָנגערירט דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע. פאַרוואָס האָט זי פאַרזען גרשון איינבינדער? זי דערמאָנט בלויז ראַבאָיען. ראַבאָי איז זיכער איינער פון אונדזערע פיינסטע, אונדזערע ליבסטע שרייבער, אָבער מיט אים ענדיקט זיך עס ניט. ג. איינבינדער האָט לעצטנס אַרויסגעלאָזן אַ ראָמאָן „צען לאַנדסלייט". איך האָב זיך תחילת געשראָקן, אַז ער וועט ניט קאָנען מאַכן דערפון אַ גאַנצע זאַך! צען מענטשן זענען צען באַזונדערע זאַכן, צען דערציילונגען. אָבער ער האָט באַוויזן מיט אַן איינציקן וואָרט צו אָרגאַניזירן זיי אין אַ גאַנצער זאַך. דאָס וואָרט איז „טשערעמעיעוו", אַ בעסאַראַביש שטעטל, וואָס סימבאָליזירט מיט זיך זייער געמיינזאַמע פאַרגאַנגענהייט. און עס איז אַרויסגעקומען אַ זאַך וואָס מיין האַרץ האָט זיך מיט איר געפרייט.

שרייבער אין חדר

„דאָס ליכט אויף מיין גאַס״ —
און דאָס ליכט אויף מיין פענצטער.

— א.

ביים לייענען סול׳ס ניטלאַנג-דערשינען בוך: „דאָס ליכט אויף מיין גאַס״, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק אַן אויסדרוק וואָס אַ שרייבער האָט געלאָזט פאַלן אין אַ שמועס מיט מיר וועגן אהרן קורצ׳ן. „קורץ — האָט יענער שרייבער געזאָגט — איז אַ פּאָעט פונם מין פ א ל ק ס ט ר י ב ו ן״. איך האָב שפּעטער איבערגעטראַכט דעם ענין, האָב אַריינגעקוקט אין קורצ׳ס שריפטן — און איך געפין, אַז די דעפיניציע דעקט נישט דעם גאַנצן קורצ׳ן. פונדעסטוועגן איז די באַצייכענונג אַ היפּש ביסל טרעפלעך אי בנוגע קורצ׳ן, אי אין באַצוג צו דער אידישער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע אין אַמעריקע בכלל — מ. א. סול, וועלכער האָט מסתמא פיל געלערנט פון קורצ׳ן, אַריינגערעכנט.

דער פאָלקסטריבון צייכנט זיך אויס, ערשטנס, דערמיט, וואָס ער רעדט וועגן די נויטן פון פ א ל ק, און דערצו — וועגן קאָנקרעטע, באַלדיקע, איצטיקע נויטן, ווייל ער וויל דערגרייכן פּראַקטישע, ממשות׳דיקע רעזולטאַטן: ער איז אויסן — אָדער אַריינצופירן נויטיקע סאָציאַלע ענדערונגען, אָדער, פאַרקערט, אויפצוהאַלטן אַ געוויסן סטאַטוס קוואָ. דער טריבון, ווייטער, צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס ער רעדט הויך, בקול רם — ער דאַרף, אַז דאָס גאַנצע פאָלק אויפן מאַרקפּלאַץ זאָל אים ה ע ר ן. דער טריבון באַמיט

זיך צו ריידן מיט אַ פשוטער, דירעקטער, בילדלעכער שפּראַך, ווייל ער וויל, אַז דאָס פאָלק זאָל אים פאַרשטיין. צו־לעצט: דער טריבון פאַרמאָגט טעמפּעראַמענט, פּאַטאָס. פּאַטאָס איז דער שליסל צום געדאַנק פון די פאָלקסמאַסן.

די אידישע פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע אין אַמעריקע פאָלגט־נאָך געטריי די אויסגערעכנטע סימנים און באַצייכענונגען. פאַר אַ ביישפּיל פון די קאָנקרעטע נויטן פון די מאַסן קאָנען מיר נעמען די טעמעס בא סול׳ן אין בוך: עוויקשאָן; פּראָס־פּעריטי־כראָניק; סטרייק; מיטינג־נאַכט; א מיטינג אין קאָונ־סיל־קיך, עטצ., וכולו, און אַזוי ווייטער. אז דער טריבון רעדט הויך דאַרף איך קיין סך באַווייזן ניט ברענגען: דערזעלבער קורץ, אָדער סול, אָדער יעדער פּאָעטיזירנדיקער חבר זענען לעבעדיקע אילוסטראַציעס. אַז דער טריבון רעדט פשוט, דירעקט, בילדלעך וועט אייך קלאָר ווערן פון אַ פּאַ־סאַזש בא סול׳ן:

דער טאָג אַף מיין גאַס
קומט גיט אָן אַזוי ראָזעווע צאַרט,
אַזוי ציטערדיק בלאַס
ווי עס באשרייבן אים בירגערלעכע פּאָעטן.
דער טאָג אף מיין גאַס
קומט־אָן ווי אַ רויבער אין קאַס (כעס),
און שליידערט פון די בעטן.
בליצן פענצטער אויף אין שרעק,
און הייזער גיבן זיך סיגנאַלן:
ד ע ר ט אָ ג איז באפאלן! ד ע ר ט אָ ג איז באַפאַלן!

שרייבער אין חדר

איר הערט? די אַרבעטערמאַסן פֿילן דעם אָנקום פֿון טאָג ווי דעם אָנפֿאַל פֿון אַ שונא אויף דער שטאָט. קאָן מען פֿאַרשטעלן בילדלעכער אַ נויאָרקער פֿרימאָרגן, ווען די באַפֿעלקערונג פֿלייצט ווי צעפֿלאָשעטע מורעשקעס פֿון די הייזער צו די שעפֿער? —

אַז דער טאָן פֿונם טריבון איז פּאַטאָס — דאָס נויטיקט זיך ניט אין באַווייזן. דער אָביעקט פֿאַרן טריבון, דער אַדרעס זיינער, זענען די מאַסן, דער קאָלעקטיוו. אַ מאַסע דאַרף מען אָ נ צ י נ ד ן.

אָבער אַ משל, אַ פֿאַרגלייך, דאַרף מען ניט טרייבן צו־ווייט. דער פּאָליטישער טריבון איז אויסגעשעפּט פֿון דער אָנגע־געבענער כאַראַקטעריסטיק. דער פּאָעט איז מער ווי דאָס. —

ב. —

ווען דער טריבון וואָלט אַלעמאָל געהאַלטן איין־און־דיזעלבע רעדע, וואָלט מען אויפֿגעהערט אים צו הערן. אַ פּאָעטיש ווערק לייענט מען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. וואָס זאָל דאָס באַטייטן? דער חילוק צווישן זיי איז וואָס דער טריבון רעדט צו י ע ד ן יחיד, בעת דער פּאָעט רעדט צו יעדן י ח י ד. „מאַסן” זענען אַן אַבסטראַקציע, אַ סכום, בעת מענטשן זענען — מענטשן, יחידים. דער טריבון רעפֿערירט אַלעמאָל צו די אַלגעמיינע באַדינגונגען אין וועלכע די מאַסן לעבן, און די מאַסן אַליין ווילן גאָר ניט הערן נאָכאַנאַנד וועגן די אַ ל ג ע מ י י נ ע באַדינגונגען פֿון זייער לעבן,

שווערע צי גרינגע. יעדער איינער פון זיי האָט זיך זיינע פּריוואַטע ליידן און פריידן, אַפּאַרט פון די אַלגעמיינע באַדינגונגען. זיי וואָלטן אַמאָל וועלן אַ ווײַן טון פּריוואַט — פּ אַ ר זיך, הייסט עס, ניט פאַרן אַרבעטערקלאַס: בײַ עמיצן איז געשטאָרבן אַ נאָענטער מענטש; עמיצן האָט אַ פריינט פאַרראַטן; עמיצער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן זיך אַליין און זיין שייכות צום אוניווערז — ווייל אפילו צום מ י ן מענטש קאָנט איר צוקומען אַם בעסטן נאָר דורך דעם י ח י ד מענטש. ער קאָן אַ מאָל וועלן אַ לאַך טון פון זיך אַליין, פון זיין אייגענער טפשות, און אַז עס איז געקומען שלום־עליכם און האָט אים געמאַכט צו לאַכן טאַקע איבער זיך אַליין, האָט ער זיך געהאַלטן ביי די זייטן. איז וואָס וועט איר טון מיט אים? וועט איר אים אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, ווי איינעם וואָס דער אינטעליגענטישער באַציל האָט זיך אין אים באַזעצט? דער טריבון, דער פּאָליטיקער, קאָן זיך מיט אים קיין עצה ניט געבן — און דאַרף ניט: ס׳איז ניט זיינע ביזנעס. דער פּאָעט אָבער—

איך וואָלט ווינטשן אונדזערע פּראָלעטאַרישע פּאָעטן, אַז זיי זאָלן זוכן און געפינען דעם וועג צו די צוויי ביליאָן יחידים וואָס זענען די מענטשנמאַסע פון דער וועלט. —

שרייבער אין חדר

פורים־שפיל.

עס האָט געמוזט זיין אין יאָר 1910. בעל מחשבות האָט שוין געהאַט אַרויסגעלאָזן אַן אַלאַרם: „עס האָט זיך באַוויזן אַ געבוירענער דראַמאַטורג באַ אידן — פּרץ הירשביין!" און דאָ הערן מיר, אַז פּרץ הירשביין קומט קיין וואַרשע, ערגעץ פון אָדעס, מיט זיין טעאַטער. איך אַרבעט דעמלט אין „פריינד".

דער טעאַטער אין וואַרשע איז געווען טיילווייז אַ ירושה פונם פּרימיטיוון גאָלדפאַדען טעאַטער, טיילווייז אַ באַלאַגאַן. מ'האָט אַמוזירט דעם עולם אויף אַ גראָבן, וואולגאַרן אופן, גאַנץ ענלעך צו די אַמעריקאַנער מיוזיק־האָלס. איז אָט, אין אַ געוויסן אָוונט, אַ שיינעם אָדער אַ מיאוסן, זיץ איך אויף אַ באַנק נאָענט צו דער בינע, אין קאַמפּאַניעיעץ טעאַטער אויף מוראַנאָוו, נעבן י. ל. פּרץ.

די בינע איז נישט גרעסער פון דער בינע אין דער פאָלקשול אין לאָס אנגעלעס. געשפּילט האָט מען, אויב איך האָב נים קיין טעות, שלום עליכם'ס „מענטשן", נאָר געשפּילט טאַקע אויף אַן אמת! פּרץ פאַרקוקט אַלעמאָל אויף מיר מיט זיינע גרויסע אויגן, איך פאַרקוק אויף אים מיט מיינע קליינע — מ'שפּילט דאָך טאַקע! צום סוף קומט אַרויס אַ לאַנגער חברה'מאַן, רעדט עפּעס אַזוינס, און מיר גייען אַרויס פון טעאַטער מיט אַ געפיל, אַז עס איז געבוירן געוואָרן אַ קינד באַ אידן, כמעט אַן ערשטלינג, און אַז אָט דער פּרץ הירשביין איז עס דער יונגער טאַטע.

שפּעטער מיט עטלעכע יאָר בין איך ווידער צוריק אין אַמע־ריקע, וואו עס הערשט נאָך דער יעקב גאָרדין טעאַטער, וועלכער האָט געהאַט זיינע אייגענע, גאָר גרויסע פאַרדינסטן — מער טעאַטראַלישע ווי דראַמאַטישע. איך געדיינק, אַז איך האָב צום ערשטן מאָל, אין יאָר 1906, געזען „מירעלע אפרת" מיט קעני ליפּצין אין דער הויפּטראָל, האָבן מיר זיך געגאָסן טרערן פון די אויגן פאַר פרייד. דער מיוזיק־האָל איז דערוויייל געוואָרן ערגער און ערגער. ווען אין אוירווינג מיוזיק־האָל איז אַרויסגעגאַנגען אַ מויד און האָט געזונגען: „כ'וועל דיך קוועטשן ווי אַ לעמאָן, אַז דער רוח זאָל דיך ניט נעמען", האָט ד. ה. נאָמבערג זיך געפילט שאָקירט פון דער געשמאַקלאָזיקייט. דעריבער אַז דער מיוזיק־האָל איז גע־שטאָרבן, האָט קיינער פון אונדז ניט פאַרגאָסן קיין טרערן אויף זיין קבר. אָבער דער גאָרדין־טעאַטער, מיט זיין פאָר־מעלער טעאַטראַלישקייט און דראַמאַטישע מאָטיוון געבאָרגט פון פרעמדע ליטעראַטורן, האָט אויך אָנגעהויבן אָפּגיין אין שאָטן. לעאָן קאָברין, ז. ליבין, קאָרנבליט — זיי זינגען שוין אונדזערע אייגענע לידער. שפּעטער־צו פירט־אויף רודאָלף שילדקרעט, מיט אַ ריי אידישע שרייבער אַלס שווישפּילער, פּינסקי'ס „דער אוצר" — און דער אידישער נויאָרק האָט נאָך אַזאַ קאָמעדיע ניט געזען. און דערנאָך קומט קיין אַמע־ריקע פּרץ הירשביין. און איך האַלט, אַז מיט אים הויבט זיך אָן אין אַמעריקאַנער אידישן טעאַטער אַ נייע עפּאָכע וואָס הייסט באַ מיר דער הירשביין טעאַטער, וואָס אויב איר ווילט, קאָנט איר עס רופן דער ליטעראַריש־דראַמאַטישער טעאַטער. הירשביינען האָבן שוין פריער געשפּילט די דראַמאַטישע קרייזן געגרינדעט פון יואל ענטינען און אַנדערע. דערנאָך

איז געקומען די „ווילנער טרופע”, וואָס האָט שוין אַן שום בושה געשפּילט הירשביינען איבערן גאַנצן לאַנד. שוואַרץ איז אונטערגעשפּרונגען, און מ'האָט גענומען אויפפירן אַזעל־כע דראַמאַטאָרגן ווי אָסיפּ דימאָוו, ה. לייוויק, שלום אַש. ויהי טעאַטער! —

ווי עס האַלט איצט מיטן אידישן טעאַטער דאַרף איך קיינעם ניט דערציילן. דער מיוזיק־האָל באַמיט זיך, דורך דער אָפּע־רעטע, ווידער אויפצוהייבן דעם קאָפּ. טאָמער פּרובירט מען אַמאָל אויפצופירן אַ זאַך וואָס האָט עפּעס אַ ווערט, נעמט מען זי אַראָפּ פון דער בינע נאָך איינער אָדער צוויי פאָרשטעלונ־גען. הירשביינס אַ פּיעסע האָט מען שוין לאַנג ניט געזען, און ער פאַרנעמט זיך איצט מיט אַנדערע פאָרמען פון לי־טעראַטור. אַלץ וואָס אונדז בלייבט איז צו האָפן — אַז מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל אומקערן צום הירשביין טעאַטער.

צווישן שרייבער.

— א.

איך קלייב זיך גיין אין דרוקעריי מיט אַ פּעקל מאַנוסקריפּטן, און אין דער טיר פון מיין וואוינונג באַגעגן איך אַ פאַרשוין אין עפּעס אַ שוואַרצן בגד וואָס דעקט אים צו פון קאָפּ ביז די פּיס, מיט פּוסטע אויגנלעכער און אויסגעשצירעטע ציין — אַט אַזוי מאָלט מען אים געוויינלעך (עס האָט שוין דערעסן), און איר ווייסט שוין ועמען איך מיין.

— אַנטשולדיקט, — זאָג איך, — איך בין איצט פאַרנומען. קומט אַן אַנדערש מאָל.

ער שמייכלט ברייט און ביינעריק, אַזוי אַז מיר ווערט קיל „אונטערן לעפּעלע״ :

— ניין, — זאָגט ער, — איך בין נישט געקומען נאָך אייך— נ אָ ך נישט. איך האָב געבראַכט אַ מאַנוסקריפּטל, אַ כתב-יד׳ל אַזוינס . . .

— אַ ליד, מסתמא, אה?

— מ-יאָ . . . אַ לידל. כמ . . .

ער פאַרכלינעט זיך פון הנאה. איך פאַרשטיי ניט וואָס מיט אים איז די שמחה.

שרייבער אין חדר

— נו, קומט אַריין, — זאָג איך.

ער לייענט מיר פאָר אַט וואָס:

די שויבן פאַרצויגן טויאיק,
אויפן וואַנט שפּילט זיך א האָז,
דאס טישל ביים בעט שטייט רואיק,
אויפן טישל שטייט א גלאָז.

נעבן גלאָז — פּאַפּיר, א פעדער,
און אַלטער לידערבאנד;
און דער וואָס אויפן בעט זיך פעדערט,
ציט־אויס אַ לויטערע האַנט.

ער נעמט דאָס פאפיר און צייכנט:
„מיין ווייטער, מיין אייביקער פריינט,
דורך דיר וועט צו אַלעמען גרייכן
דאָס לעצטע וואָרט מיינס: — „היינט" — —

דערנאָך וויל ער נאָך עפּעס שרייבן,
און לייגט עס אָויף שפּעטער אָפּ.
די פינגער די לויטערע בלייבן
איבערן טישל הענגען אַראָפּ.

דער קאָפּ וויל פינגער דעריאָגן,
און פאלט אויף איין זייט באק.
ערשט איצטער דערהערט מען אַ שלאָגן, —
א זייגערל שלאָגן טיק־טאַק.

דאָס זייגערל ליגט אויפֿן פֿענצטער
און שפּיגלט די זון אין זיך אָפּ.
דריי ווייזערלעך: איינער — דער קלענסטער —
יאָגט־איבער זיך אַליין אין גאַלאָפּ.

ער טיקט, ער טאַקט, כאָטש קיינער
פֿאַרנעמט שוין נישט מער זיין שלאָג;
צופֿוסנס פֿון הויט און ביינער
אויף דער וואַך זיצט האַלבער טאָג.

צוקאָפּנס שלאָפֿט דאָס קישן,
אויף סטעליע שלאָפֿט דער האָז,
אין ווינקל שלאָפֿט דאָס טישל,
אויפֿן טישל שלאָפֿט דאָס גלאָז.

איך נעם דאָס ליד פֿון מיין באַזוכערס האַנט און לייען עס איבער עטלעכע מאָל. איך בין גערירט און אויפֿגערעגט ביז צו דער לעבער, נאָר פֿאַר אים וויל איך עס ניט אַרויסווייזן.

— אייער ליד — זאָג איך — ווי יעדע עכטע ליריק, איז איכיש פֿון דער סטריכע ביזן קעלער. ס'איז ניט אַזוי וואָס איר דערהייבט די יחידישע ליריק צו קאָסמישן באַטייט, ווי דאָס וואָס איר ברענגט אַרונטער דעם קאָסמאָס צום יחידס טראַגעדיעלע. דער פּאָעט איז שטאַרק פֿאַרנומען מיט זיין אייגענעם ביסל לעבן און זיין אייגענעם ביסל שטאַרבן. דאָס ליד גופֿא איז זייער שיין אָנגעשריבן און זייער געשייט „געמאַכט". וואָס דאָס באַווייזט, אַז פּאָעטן לעבן און שטאַרבן

שרייבער אין חדר

צוויי מאָל: איינמאָל אין דער ווירקלעכקייט און איינמאָל אין שפּיגל.

מיין גאַסט ווייזט מיר ווידער זיין פּראַקטיקן שמייכל:

— אייער קריטיק איז דאָ ניט וויכטיק. דער לעצטער קריטיקער בין א י ך — ווייזט ער מיט אַ פינגער אויף די פאַלדן פון זיין שוואַרצן בגד, אויפן פלאַץ וואו עס דאַרף זיך געפינען די ברוסט.

— איר האָט טאַלאַנט — זאָג איך. — שוין לאַנג אַז איר שרייבט?

ער צעלאַכט זיך אַזוי, אַז מיר גייט־איבער אַ סקרוך איבערן לייב.

— איך שרייב — אַנדערש. דאָס ליד איז נישט מיינס. ס'איז אָבער וועגן מיר, און כאָטש איך בין אַן אַלטע פירמע, ווילט זיך מיר אַ ביסל רעקלאַמע. דאָס איז פון ה. לייוויק און איז געדרוקט אין „אויפקום״ פאַר יולי־אויגוסט, הײַנטיקס יאָר.

איך שפּרינג־אויף פון פלאַץ.

— לייוויקס?! ... אין „אויפקום״?! ... וואָס זשע ווילט איר פון מ י ר? —

— איר מעגט עס, נישקשה, איבערדרוקן. ס'איז כדאי. —

איך האָף, אַז ה' לייוויק וועט נישט פאַריבל האָבן וואָס איך ציטיר דאָ זיינס אַ ליד גאַנצערהייד. איך באַנוץ זיך דערמיט דערפאַר וואָס דאָס ליד און דאָס אַרטיקעלע פּאַסן זיך אַריין אין דער סכעמע פון דעם איצטיקן בוך „דער שרייבער גייט אין חדר."

— ב.

צוויי אידישע קינסטלער פון וואָרט האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין אַ קאַפיי, ערגעץ צווישן עקוואַטאָר און נאָרדפּאָל. איינער האָט געזאָגט:

— איר האָט עפּעס אַ זאַך וועגן צוויי שוועסטער און אַ מאָלער. די עלטערע איז קלוג, לעבנסווייז, און זי פּאַסט-אויף אויף דער אינגערער. די אינגערע איז — נו, יונג; זי ציט זיך צו דער זון און צו דעם בלומענשטויב וואָס טראָגט זיך אין דער לופט. שלאָפן שלאָפט זי געשמאַק און אַ ביסעלע יונגנטלעך-טומלדיק, און די עלטערע באַמערקט אויף איר פּנים אַ פּאָר פרישע פרישטשיקלעך, ווי ווייַנפּערלעך, גיין — ווי קנאָספּן אויף אַ ביימעלע אין פרילינג. דאָס איז אַ פּיינער שטריך, אָט די פרישטשיקלעך . . . גוט. —

„די עלטערע גייט צום מאָלער. זי וויל אים מוסר'ן הלמאי ער באַנוצט זיך מיטן יונגען ביימעלע פאַר זיין הנאה וועגן. זי וויל פאַרהיטן די אינגערע שוועסטער, צו וועלכער זי איז

כמעט אַ מאַמע, פון — פון וואָס, למשל, ווײל זי יענע פאַר־
היטן ? . . . פונם לעבן, וואָס ? אַוואָדע איז די קלוגע עלטערע
שוועסטער אַ נאַר. און אַז זי קומט צום מאָלער, לאָזט זיך
אויס, אַז זי אַליין „פאַלט אַ קרבן" צו אים. ווידער גוט. —
אינצווישן, ריידנדיק מיט דער עלטערער שוועסטער, דער־
ציילט ער איר אַ מעשה, אַז — זאָלן אַנדערע האָבן אַלערליי
טעאָריעס וועגן קונסט : — ע ר זיצט זיך בײַ זיך אין בוי־
דעמשטיבל און ער מאָלט. (געטע, להבדיל, האָט אַרויסגעזאָגט
דאָס געמלעכע) . דאָס איז, דאַכט זיך, אַ ריכטיקער געדאַנק,
און דאָך איז דאָ עפּעס נישט ריכטיק. צו וואָס דערציילט ער
— דאָס הייסט, א י ר — איר די מעשה ? זי קען דאָך גאָר־
נישט אָט די „אַנדערע" געגן וועלכע ער — דאָס הייסט, א י ר
— פּאָלעמיזירט. און ווי אַזוי לאָזט זיך די גאַנצע געשיכטע
אויס? די עלטערע קומט צוריק און צעוויינט זיך בײַם בעט
פון דער אינגערער ; די לעצטע כאַפּט זיך אויף פון שלאָף
און זי זאָגט : — „אַזאַ מענטשן באַגעגנט מען איינמאָל אין
אַ לעבן" . . . דאָס זאָגט אַ מיידעלע פון זעכצן — זיבעצן יאָר.
זי ווייסט שוין — ביי אייך — ווי אָפט מ׳קאָן „אין לעבן" באַ־
געגענען „אַזאַ מענטשן" . . . —

דער צווייטער קינסטלער פון וואָרט, צערייצט :

— איז וואָס, אייגנטלעך, ווילט איר ? !

דער ערשטער, מיט אַ זיפץ :

— וואָס איך וויל ? . . . פּרץ, אונדזער י. ל. פּרץ, האָט אַמאָל

געוואָלט קרינגן אַ ווייבל וואָס האָט זיך ניט געלאָזן; האָט ער אָנגעשריבן: „עס זענען קיין ניסים געשען". וואָס איך וויל בלויז פרעגן: וואָלט נישט געווען לעכערלעך איינצו־שפּאַנען די ענערגיע פון אַ וואולקאַן אויף צו רייבן כריין צו אייערע פיש? ...

דער צווייטער:

— פאַרוואָס נישט? אפילו אויף צו פּוצן מיר די שטיוול ... איך האָב ניט קיין דרך ארץ פאַר „וואולקאַנען", און — פאַר מליצה אַוואַדע ניט. חוץ לזה, פאַרשטייט איר פּרצ'ן אויך צו פלאַך: דאָס „ווייבל" איז געווען דער אויסרייד פאַר דער אָנגעשריבענער זאַך, און נישט פאַרקערט. און — און איר?... וואָס קומט־ארוים פון אייער חכמה און אייער זעלבסטאַנאַליז? בלייבט איר דען נישט אָן עקר, אַזוי ווי מיין „לעבנסווייזע" עלטערע שוועסטער וואָס היט איר אומשולד אַזוי לאַנג ביז — ביז אָדער זי פאַרהיט זי נישט, אָדער זי ווערט פאַרדאַרט אין איר גדלות'דיקער נארישער חכמה? ...

די צוויי האָבן זיך שווייגנדיק אָנגעקוקט מיט אַ געמיש פון האָס און ליבשאַפט. —

שרייבער אין חדר

דער נאַרישער מחבר.
(אַן אמתע מעשה)

אַמאָל איז געווען אַ אידישער מחבר, איז ער געווען אַ נאַר. ויהי היום, זענען צו אים געקומען צוויי אינגלעך פון דער לאָס אנגעלעסער אידישער פאָלקשול, מיט די נעמען יאָסל ווײַנער און שלמה פריינט, און זיי האָבן אַזוי געזאָגט:

„היות ווי די פאָלקשול וויל מאַכן אַ באַזאַר, כדי צו פאַר-גרעסערן איר הכנסה, האָבן זיך פאַרזאַמלט די עלטערע קינ-דער פון דער שול און האָבן באַשלאָסן צו העלפן אין דער אַרבעט. און זיי האָבן פאַרטראַכט צו עפענען אויפן באַזאַר אַן אייגענע בודקע, וואו זיי וועלן פאַרקויפן חפצים וואָס זיי אַליין וועלן קריגן. וגם מאַנוסקריפּטן פון ווערק פון אידישע שרייבער. און אויך וועלן זיי אין די טעג פונם באַזאַר אַרויס-געבן אַ זשורנאַל אויף זייערע אייגענע הוצאות. האָבן אונדזע-רע חברים אונדז געשיקט צו אייך מיט דער בקשה, אַז איר זאָלט אונדז געבן אַ מאַנוסקריפּט פון אייערער אַ זאַך און זאָלט עפּעס אָנשרייבן פאַר אונדזער זשורנאַל".

אַזוי האָבן די צוויי יונגעלייט גערעדט. דאָס איז געווען אַ גרויסער כבוד פאַרן מחבר הנ"ל, איז ער דאָך אָבער געווען אַ נאַר, האָט ער זיי אָפּגעזאָגט. זענען די צוויי אינגלעך אַוועק-געגאַנגען און זיי האָבן גאָרנישט געזאָגט.

ביינאַכט איז אליהו הנביא געקומען צום מחבר אין חלום און ער האָט צו אים געזאָגט: „רשע, פאַרוואָס האָסטו פאַר-

שעמט צוויי קינדער פון דיין פאָלק?״—האָט דער מחבר געזאָגט: „מיין האר, איך בין ניט קיין רשע — איך בין אַ נאַר. מיין האר, זאָג מיר וואָס איך זאָל טון״. האָט אליהו געזאָגט: „גיי און בעט זיי איבער און טו ווי זיי פאַרלאַנגען״. — און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, און ס׳איז געווען אַ חלום.

אויף מאָרגן האָט דער מחבר געטון ווי דער תשבי האָט אים באַפוילן — און האָט די מעשה פאַרשריבן מיט זיין אייגענער האַנט.

שרייבער אין חדר